STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08414

GEZAMLTE SHRIFTN

Y. L. Malamut

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. מאלאמוט

געזאמלטע שריפטן

(יובילײ־אויסגאַבע)

ערשטע אויפלאַגע

פארלאג מאלאמוט
נויאָרק־באָסטאָן, 1932

דאָס בוך איז „קאָפּירייט“ לויט'ן געזעץ פון לאַנד.
פאַרווערט איבערצוזעצן, אינסצעניר, אָדער עפנטלאך
פאָרטראָגן אָן דערלויבעניש פון מחבר.

אַ האַרציקן דאַנק פאַר
קאָלעגיאַלער באַהאַנדלונג
וו. גאָלדבערג'ן, פון דער
דזשייקאָבס פרעס.

י. ל. מ.

Copyright 1932
BY
VERLAG MALAMUT
3 West 108th Street
New York, N. Y.

Jacobs Press, Inc.
Boston, Mass.

ערשטער בוך

הומאָר

צו די לייענער

מיינע געזאַמלטע שריפטן האָב איך איינגעטיילט לויט דעם פאָלגענדיקן סדר:

א) הומאָר. ב) לידער. ג) פאָלקסטימלאַכע געשיכטן און קינדער־מעשיות.

אַ גרויסער טייל פון די זאַכן איז געווען געדרוקט אין „קענעדער אָדלער", „טאָראָנטער זשורנאַל", „פילאַדעלפיער אידישע וועלט", „קענעדער איד", „דעטראָיטער וועג", „שיקאַגער אידישע אַרבעטער וועלט"; „רעקאָרד", „די צייט", נויאָרק; לאָס אַנגעלעסער „שטערן", „אידישער בולעטין", און „קאַליפאָרניער אידישע שטימע".

אין דעם איצטיקן באַנד האָב איך אָנגעזאַמלט אַ טייל פון דעם הומאָר, וועלכן איך האָב געשאַפן אין אַמעריקע און אין קענעדע אין אַ משך פון איבער פינף־און־צוואַנציק יאָר. אין די ווייטערדיקע בענד האָף איך צו גיבן מיינע פאָלקסטימלאַכע געשיכטן, און קינדער דערציילונגען.

אַ גרויסן דאַנק בין איך שולדיק דער שטאָט באָסטאָן, דער „קולטור געזעלשאַפט", דעם „קולטור קלוב", „טשעלסיער לייבאָר ליסעום", פיבאדער אַרבעטער רינג, באָסטאָנער אינדעפּענדענט אַרבעטער רינג, „מעריצער פאַריין", ווי אויך פרוי האָלצמאַן, פון ענגליש שפּרעכנדיקן קולטור־פאַריין; פרוי האָראָוויץ, דר. קאַגאַן, מאָרים קאַצעף, שאַרלאָט קעניג, דר. גאָראַלניק, ס. אָסיפּאָוו, ס. שערמאַן, בתיה בענדער, און א. מאָלדאַו, וועלכע האָבן, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס איך בין אין באָסטאָן אַרויסגעטראָטן צום ערשטן מאָל, פאַר מיר איינגעאָרדנט אינטימע אָוונטן, לעקציעס, און פאָרלעזונגען, וועלכע האָבן מעגלאַך געמאַכט פאַר מיר אַז איך זאָל קומען אין באַרירונג מיט דעם בעסערן טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט אַבאָנירט מיינע שריפטן, פון וועלכע עס דערשיינט איצט דער ערשטער באַנד.

י. ל. מאַלאַמוט.

איבער אַ גלאָז טיי

אייך מעג איך זאָגן דעם אמת. בסך הכּל האָב איך ניט ליב קיין טיי, און אַז איך קום צוגאַסט און מען איז מיך מכבד מיט טיי, איז דאָס באַ מיר אַן אמת'ע אַפּקומעניש, און פונדעסטוועגן הערט וואָס פאַר צרות איך בין איינמאָל אויסגעשטאַנען איבער אַ גלאָז טיי.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז איך פאָר איבער דער פּראָווינץ און זאַמל אַבאָנענטן פאַר אַ צייטונג. קום איך צופאָרן אין אָלבאַני, ווינטער, שפּעט באַנאַכט. אין דרויסן איז אַ שניי־שטורם, און איך טאַפּ מיין וועג צו אונזערן אַ קאָרעספּאָנדענט צו וועמען די רעדאַקציע האָט מיך געראָטן פאַרפאָרן, מחמת ער איז זייער אַ גאַסט־פריינטליכער מענטש און די רעדאַקציע וועט שפּאָרן געלט.

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, ווען איך האָב אָנגעקלונגען באַ אונזער קאָרעספּאָנדענט, וועלכער האָט געעפנט אַ שטיקל טיר, און איידער ער האָט מיך געלאָזן איבערטרעטן די שוועל, האָט ער ניט אַנדערש נאָר געוואָלט וויסן ווער איך בין.

אָנגעפרוירן, דורשטיק פון וועג, האָב איך אנשטאָט אים צו זאָגן מיין נאָמען, געענטפערט: „טוט אַ טובה, איך בין אַזוי פאַר־פרוירן און דורשטיק, מאַכט אַ גלאָז טיי.“

האָט ער געעפענט די טיר אַביסעלע ברייטער, און מיך אַריינ־געלאָזן, געמאַכט ליכטיק, און אַ זאָג געטון:

מעג איך וויסן ווער איר זענט?“

„יאָ, אודאי, איך וועל אייך זאָגן; אָבער מענטש, איך קען קוים אויסריידן מיט אייך אַ וואָרט, מאַכט אַ גלאָז טיי“, האָב איך זיך געבעטן באַ אים.

האָט ער מיך ווידער באַטראַכט פון קאָפּ ביז די שפּיץ פיס, איז אַוועק אין קיך, דערנאָך האָב איך געהערט ווי ער האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע, געצאַפּט וואַסער פון אַ קראַן אין אַ בלעכענעם קעסל,

און ביז ער איז צוריק געקומען מיט דער גלאָז טיי, האָב איך גע־מיינט, אַז איך ווער פאַרברענט פון דורשט.

אַז ער האָט זיך באַוויזן מיט דער גלאָז טיי, האָב איך ניט געוואַרט אויף קיין עטיקעטע, נאָר איינפאַך אַרויסגענומען בײַ אים דאָס גלאָז פון האַנט, און מיט איין אָטעם פאַרשלונגען דאָס גלאָז טיי.

אַ מחיה, אַ פאַרגעניגן, ערשט איצט האָב איך דערפילט ווי דורשטיק די רייזע האָט מיך געמאַכט, עס האָט מיר אָנגעהויבן אַרויסגיין די קעלט פון די ביינער, און איך האָב אים אַ זאָג געטון:

— זייט אַ גוטער און גיט נאָך אַ גלאָז טיי, דערנאָך וועלן מיר שמועסן, זיך באַקענען, ווי עס דאַרף צו זיין.

נעמט ער זיך קראַצן אין דער פּאַטילניצע; און ענטשולדיקט זיך:

— מען וועט דאַרפן אויפזידן נאָך אַ גלאָז וואַסער. איך האָב מער ניט אויפגעזאָטן ווי איין גלאָז וואַסער.

— וואָס זשע, אַזוי טייער וואַסער איז בײַ אייך? פרעג איך אים, און שטופּ אים כמעט מיט געוואַלד אַריין אין קיך מאַכן נאָך אַ גלאָז טיי.

בקיצור, ער איז צוריקגעקומען, אָן דער טיי, און מיט אַ טענה: „ביז די טיי וועט ווידער אויפקאָכן, מוזט איר מיר זאָגן ווער איר זענט.“

העלפט דאָך ניט, אַז איך מוז, איז דאָך ניט שייך! זאָג איך אים: „איך בין אַ שרייבער פון דער צייטונג, וואו ער שרייבט פאַר אונז קאָרעספּאָנדענציעס, איך קום איצט פון ניו־יאָרק — נאָר וואָס טויג מיר מעשיות, איצט; איך שטאַרב, איך חלש נאָך אַ גלאָז טיי. איך בין זיכער, אַז דער קעסל האָט שוין געקאָכט — ריידן וועלן מיר שפּעטער.“

— אַזוי, אַ שרייבער ? ? ? האָט ער ווי ניט מיט זיין קול אויסגערופן, און מיך גוט באַטראַכט, און דערנאָך פאַרענדיקט מיט אַ באַמערקונג:

— אויב אַזוי, איז אַלץ רעכט. און ער האָט גענומען שאָקלען מיט׳ן קאָפּ ווי איינער רעדט: אויף אַ שרייבער דאַרף מען זיך ניט חדוש׳ן . . . אויף אַ שרייבער איז אַלץ צו גלויבן. . . .

אַז איך האָב אויסגעטרונקען דאָס צווייטע גלאָז טיי און נאָך אַלץ געפילט דורשטיק, איז מיר איינגעפאַלן אַ פּלאַן: וואָס דאַרף איך פּלאָגן דעם אידן, איך האָב דאָך אים אויפגעוועקט פון שלאָף, טו זאָל ער זיך גיין שלאָפן. גיב איך אַ זאָג:

— ווייסט איר גאָר וואָס, גיט מיר אהער דעם טשייניק מיט'ן טשייניקל צום טיש, און איר גייט שלאָפן." האָט ער זיך ברייט צעלאַכט פון מיין איינפאַל; לאַנג מיך באַטראַכט, ווי עפּעס אַ ווילדע בריאה, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער מיר צוליב געטון, און מיך געפרעגט וואָס איך האָב בדעה מאָרגן צו טון. האָב איך אים דערקלערט, אַז איך האָב אַ ליסט פון אַלע אונזערע לעזער אין זיין שטאָט און מאָרגן וועל איך זיין באַ זיי נאָך געלט.

ער האָט מיך ווידער אָפּגעמאָסטן, געשוויגן, געקוקט מיר אין די אויגן אריין, און ענדליך מיר אָנגעוויזן אַ געלעגער, און צע־לאַכנדיק זיך הויך אויפן קול האָט ער מיר אריינגעשריען „אַ גוטע נאַכט", און איז אַוועק שלאָפן.

אין דער פרי, ווען איך בין אויפגעשטאַנען, איז ער שוין אַ פּנים געווען באַ דער אַרבעט; בין איך מיר אַוועק אין גאַס, און אָנגע־הויבן טון מיין אַרבעט צווישן אונזערע לעזער.

אַריינקומענדיק אין אַ הויז, באַגעגנט מיך אַ בכבודיקער איד, מיט אַ שיינער באָרד, גייט מיר אַנטקעגן, נעמט מיך אויף זייער שיין.

— זיצט.

זיץ איך.

— איר וועט טרינקען אַ גלאָז טיי?

אין אַ פרעמדער שטאָט, מען קומט צו יענעם איינמאָל אַ יאָר נאָך געלט, קען מען דאָך יענעם ניט זאָגן: „אַ דאַנק, איך דאַרף געלט, איך וויל ניט קיין טיי. . . . " זאָג איך שוין: „טרינקען אַ גלאָז טיי."

אָפּגעטרונקען, כאַפּט דער איד אַרויס דאָס גלאָז פון די הענט, פרעגט מיך ניט, נאָר ער פאַרשווינדט, און באַווייזט זיך גלייך מיט נאָך אַ גלאָז טיי, און רוקט עס מיר צו מיט אַזוי פיל דרך־ארץ, מיט אַזוי פיל יראת הכבוד, אַז עס איז באַ מיר קיין ספק ניט געווען,

אז אַלץ וואָס איך דאַרף טון, איז ווייזן מיין עדלקייט און — טרינקען! דערווייל איז זיך דער איד מתנצל, ווי דער שטייגער איז: ער האָט זיך אויף מיר היינט ניט גערינכט, האָט ער ניט צוגע־גרייט קיין געלט, וועט ער שוין אריינשיקן אין רעדאַקציע, אין אַ וואָך אַרום.

געכאַפּט דאָס היטל, געזאָגט אַ גוטן טאָג מיט אַ שמייכל און אוועק אויף אַ צווייטן אַדרעס. אויסגעקליבן האָב איך אַן אַדרעס פון אַן אַלטן לעזער אונזערן, אַן אַלטער בחור, און איך האָב גע־וואוסט, אַז פון דער נאַטור איז ער ניט אַזאַ גאַסטפריינטליכער.

איך האָב זיך ניט גענאַרפט פאַרשטעלן — אודאי, ער קען מיך, ער „לייענט" מיך אַזוי פיל יאָרן, סאַר־אַ גאַסט. זיצט, פאַרוואָס זיצט איר ניט! — ער איז איבערראַשט, לאָזט זיך לויפן אין צווייטן צימער, קומט גלייך צוריק, מיט אַ גלאָז טיי אין האַנט. ער פרעגט מיך ניט, נאָר ער מאַכט מיר באַקאַנט:

— איר וועט טרינקען אַ גלאָז טיי! אודאי," און ער רוקט זיך צו מיט'ן ביינקל צו מיר, מאַכט מיך פילן אין דער היים, באַקוועם, רוקט מיר צו דעם צוקער, און ער בעט זיך באַ מיר אַזוי שיין: „טרינקט, טרינקט שוין, נו!"

היינט גיי טרינק ניט! דאָס צווייטע גלאָז טיי, וואָס ער האָט מיר געבראַכט, האָב איך שוין כמעט זיך איינגעשטעלט און גע־וואָלט אָפּזאָגן, האָט ער זיך אָבער אַזוי אָנגעטשעפּעט אין מיר, אַז איך האָב געפילט, אַז ער ווערט ברוגז.

בקיצור: צוליב געטון; אויסגעטרונקען נאָך אַ גלאָז טיי און כדי פּטור צו ווערן פון אים, האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל דאָ פאַרברייינגען אַ לייגערע צייט, און דערווייל האָט מיר אַ גוטען! און איך בין אַרויס, כדי זיך צו ראַטעווען פון דער גאַסטפריינט־ליכקייט.

— נו, איצט, טראַכט איך מיר, מוז איך געפינען אַן אַדרעס, וואו איך זאָל זיין זיכער, אַז מען וועט מיך מער ניט מכבד זיין מיט קיין טיי. געבלעטערט אַזוי לאַנג, ביז איך האָב געפונען אַן אַדרעס פון אַ מיידל, וועלכע וואוינט באַ יענעם אויף קוואַרטיר... דאָ בין איך שוין געווען זיכער, אַז מען וועט מיר קיין טיי נ י ט געבן.

— פרייט מיך זייער, יאָ, זיצט — זאָגט מיר דאָס מיידל, גלייך נאָכדעם ווי איך האָב באַקאַנט געמאַכט ווער איך בין. קומט זיצט, איך האָב זיך געריכט אויף אייך, און זי שמייכלט אַזוי זיס, חנ׳עוודיק — קיין געלט האָב איך היינט ניט, נאָר איך האָב געמאַכט טיי, — און זי פאַרשווינדט אין קיך אַריין, און איידער איך האָב צייט עפּעס צו זאָגן, קומט זי צוריק מיט צוויי גלאָז טיי איןביידע הענט, פאַר מיר און פאַר זיך, זעצט זיך אַנטקעגן מיר, באַם טישל, קוקט אויף מיר דורך דעם שפּיגעלע — וואָס שטייט אויפן טישל, און שמייכלט, אַז אָפּזאָגן איר, און ניט טרינקען די טיי, דאַרף מען האָבן דאָס האַרץ פון אַ גזלן!

איך טרינק אָפּ אַביסל, און דערפיל, אַז עס וועט ניט גיין, עס איז איבער דער מאָס; נעם איך און רוק אָפּ דאָס גלאָז פון זיך, נאָכדעם, ווי איך האָב דערפילט, אַז עס גייען מיר אויס די כחות. וואָס איז דאָס היינט פאַר אַ באַגעגעניש? אַן אָנשיקעניש מיט טיי?

רוקט זי מיר צוריק דאָס גלאָז טיי: וואָס שעמט איר זיך — מענטש, טרינקט, אפשר ניט הייס? און זי כאַפּט באַ מיר צו די טיי, און לאַכנדיק איז זי באַלד דאָ צוריק מיט אַ פרישער, הייסער גלאָז טיי.

— טרינקט, איידער עס ווערט קאַלט, וואָס לאָזט איר זיך בעטן, איך ווייס דאָך אַז איר האָט ליב טיי, מענטש!

איך בלאָז און סאָפּע, שוויץ און ברי זיך, ממש איך פיל כאַטש נעם און שפּרינג פון פענסטער!

מיט צרות, מיט בויכווייטיק, איבער אַלע מיינע כחות אַנגעטון זיך דעם מאַנטעל, און איך הויב זיך אויף צום גיין.

— איך האָב דערגאַסן דעם קעסל, — זאָגט זי מיר מיט אַ ליבן שמייכל, איר וועט, זאָגט זי, צוואַרטן נאָר איין אויגנבליק, וועל איך אייך געבן נאָך טיי.

בין איך אויפגעשפּרונגען ווי אַן אונטערגעשאָסענער, און זיך געלאָזט צו דער טיר: אַ דאַנק, אַ גוטן טאָג!

אויפן וועג איז באַ מיר געבליבן, אַז איך פּראַווע היינט מער ניט קיין וויזיטן, און אַ סוף זאָל עס נעמען.

אזוי ווי איך עפן נאָר די טיר באַ מיין קאָרעספּאָנדענט, לויפט מיר די פרוי אַנטקעגן, און זאָגט מיר אָן אַ גוטע בשורה:

— גוט וואָס איר זענט געקומען: דער קעסל האָט שוין גע־זאָטן, גייט זיצט, איך גיב אייך שוין טיי וויפיל איר ווילט! — און איידער איך ענטפער, לויפט אַריין איר מאַן אַ פאַרסאָפּעטער, —

— געקומען דער איד, גיכער, ריר זיך, גיב טיי! גיכער!

און ביידע כאַפּן זיך און טראָגן מיר דעם קעסל טיי צום טיש, און איך שטיי אַזוי ווי אַ צעמישטער, און עס באַפאַלט מיך אַ חלשות. ענדליך האָב איך צוריק באַקומען לשון; און איך גיב אים אַ פרעג:

זאָגט נאָר, עס איז באַ אייך טאַקע אַזאַ מנהג, אַז אַ גאַסט קומט צו אייך דערטרינקט איר אים אין הייסער טיי?

לאַכט ער: אדרבה, באַ אונז גיט מען ניט קיין טיי, נאָר, פאַר־שטייט איר מיך, אַז איך האָב נעכטן באַנאַכט געזען, אַז איר שטאַרבט, איר חלש'ט, איר קענט פשוט ניט לעבן אָן טיי, האָב איך עס היינט צוגעגרייט פאַר אייך — אייך באַזאָרגט מיט טיי, באַ אַלע אייערע לעזער — און ער ווישט זיך דעם שוויים פון פנים, — איר זעט ווי פאַרשוויצט איך בין. איך קום ערשט פון אַלע אייערע אַבאָנענטן.

איצט איז מיר קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס איך האָב היינט אומע־טום געהאַט אַזאַ הייסן ברוך הבא!

האָב איך געכאַפּט מיינע פעקלאַך און אַנטלאָפן קיין ניו־יאָרק.

— טרינקט כאָטש אַ גלאָז טיי! שרייט ער מיר נאָך דורך דעם פענסטער.

— אַ מבול זאָל קומען אויף אַלבאַני מיט דער טיי צוזאַמען!

מיין אָפּשיידס־אָונט

איך האָב זיך אָבער געבעטן בא זיי: איך וויל ניט קיין אָפּ־שיידס אָונט, צו וואָס דאַרפט איר דאָס? אָפּגעוועזן בא אייך א חדשים דריי, געמאַכט באַקאַנטשאַפט, געזעגנט, געזעגנט, גע־געסן בא אייך מיטאָגס און געטרונקען מיט אייך טיי, איצט זייט אייך געזונט, און לאָזט מיך אוועקפאָרן אָן אָן אָפּשיידס אָונט!

האָבן זיי אָבער גע׳טענה׳ט: ניין, עס איז ניט שיין, עס פּאַסט ניט, — ניט פאַר אייך, ניט פאַר אונז — סטייטש, אַזאַ גאַסט, אַזוי גוט פאַרבראַכט מיט אונז, און פּלוצלינג אוועקגעפאָרן אָן א באַנ־קעטל! ניין, מיר מוזן אייך געבן אַן אָפּשיידס אָונט.

בקיצור, איך האָב צוליב געטון, און עס איז געבליבן, אַז מ׳וועט מיר מאַכן אַן אָפּשיידס אָונט, שבת־צו־נאַכטס, פון היינט איבער אַכט טאָג. פיין, אָנגעלייגט.

האָט מען צושיקט בריף און איינלאַדונגען — אַז שבת־צו־נאַכט איז די גרויסע שמחה — דער אָפּשיידס אָונט. אין דעם גרויסן שמאָלן חדר, האָט מען אָנגעשטעלט נאָך שמעלערע לאַנגע טישן, איבערגעקערט עטליכע קעסטלעך פון פּרוכט, און עס איז געוואָרן בענק, און די טישן האָט מען באַשיינט מיט די שיינע פלעשעלאַך רויטע סאָדע־וואַסער, און אין זאַל האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די שיינע בחורים מיט די רויטע באַנטיקלעך, און חנ׳עווודיקע מייד־לאַך און ווייבלאַך מיט די געקראָכמאַלעטע קליידלאַך און ווייסע זיידענע בלוזקעס.

מיך אַליין, דעם מחותן, שלעפּט מען צום אויבנאָן; א קלייני־קייט, עפּעס, מיין אייגענער אָפּשיידס אָונט!

זיץ איך אויבנאָן, און דער פאָרזיצער עפנט דעם אָונט און דערקלערט פאַר די געסט, וואָס פאַר א וויכטיקע פּערזענליכקייט איך בין, און ער פאַרגעסט זיך בעת מעשה, אַז איך אַליין לעב נאָך, און מיינע אויערן הערן דעם גאַלדענעם שבח וואָס ער זינגט צו מיין רעפּוטאַציע, און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז ניט אַנ־

דערש נאָר אַז איך בין שוין געשטאָרבן און אַז מען מאַכט מיר אַ הספד. נאָר צו אַלץ נעמט דאָך אַמאָל אַ סוף, בין איך דאָס אויך איבערגעקומען. האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אַ נייע פּאַרציע אָפּקור־מעניש — רעדעס. דער טשערמאַן וויל פאַר אַלעמען יוצא זיין, און טיילט ווערטער, און יעדער איינער וויל מיר ווייזן, ווי שיין ער קען ריידן; און איך זיץ, און הער, אַז איך בין גרויס, אַז איך בין קלוג, אַז איך בין שאַרפזיניק; בקיצור, איינער וויל איבער־קליגערן דעם צווייטן מיט זיין דרשה, און אַלץ אויף מיין חשבון.

און צום סוף בין איך שוין גאָר גערירט געוואָרן פון דער מענטש־ליכער גוטסקייט, וואָס האָט אָנגעהויבן דעמאָנסטרירט ווערן אין דעם געשטאַלט פון מתנות.

איינער האָט מיר געשאָנקען אַ שרייב־פּען און אנאנסירט, אַז זי קאָסט צוויי־און־אַ־האַלב דאָלאַר, און די פּען איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט ביז זי איז ענדליך אַ פּאַר'חלש'טע געבליבן ליגן לעבן מיר, אַ פאַרשוויצטע. אַ צווייטער האָט מיר געשאָנקען אַ „אינגערסאָל" זייגערל, פאַר אַ דאָלאַר מיט אַ האַלבן, און יעדער איינער האָט גערדייט און אָנגעצויגן דאָס זייגערל, ביז עס איז אָנ־געקומען צו מיר און געבליבן שטיין, און מער קיין כח ניט געהאַט צו רירן מיט אַן אבר.

דערנאָך האָט מיר אַ דריטער געשאָנקען אַ רעגנשירם, אַ פערטער אַ פּאָר מעשענע זיאַפּינקעס צו אַן אויבערשטער העמד; בקיצור, איך האָב אין מיין לעבן ניט גע'חלומ'ט, אַז מענטשן קענען מיט איינמאָל ווערן אַזוי גוטהאַרציק.

צום סוף האָב איך נאָך אַליין אויך געמוזט האַלטן אַ רעדע, אַלעמען באַדאַנקט, און גאָר צום סוף האָט מען נאָך איבערגעזונגען וואו עס איז נאָר געווען ערגיץ אַ אידיש לידל, מיט „נסים ונפלאות", מיט „רבי'ניו", און דריי אַזייגער באַנאַכט האָט מען פאַרשלאָסן דעם „האָל", זיך צעזעגנט, צעקושט, און איך בין אַוועק אַהיים.

זאָגן אייך דעם אמת; געדאַרפט האָב איך כאַפּן די ערשטע באַן און אַוועקפאָרן. בין איך דאָך אָבער איך, ווייס איך דאָך, אַז מאָרגן וואו עס וועלן זיך נאָך טרעפן צוויי פון די פערזאָנען וואָס זענען געווען אויף מיין אָוונט, וועט איינער אַ זאָג טון: טאַקע אַוועקגעפאָרן, אַ שאָד!

צוועלף

פאַלט מיר מיטאַמאָל אַפּ דער חשק אַוועקצופאָרן, און איך באַ־שלים דערוויילּ בלייבן. גייט אַוועק אַ שטיקל צייט, גיי איך אין גאַס און אַנטקעגן קומט מיר אָן דער פּאָרזיצער פון דעם אַפּשיידס אָוונט, לויף איך אים מסתמא אַנטקעגן, וויל זיך מיט אים ארומ־כאַפּן, ווי דער שטייגער איז. וועט איר מיר גלויבן, איך האָב באַקומען פון אים אַזאַ קאַלטן שלום עליכם, אַז עס איז מיר געוואָרן קאַלט אין אַלע איברים. נאָך אַ לאַנגן שווייגן גיט ער מיך אַ פרעג:

— איז זענט איר הייסט עס נאָך ניט אַוועקגעפאָרן, טו זייט זשע מיר נאָכאַמאָל געזונט", און ער אַנטלויפט ווי אָדער איך, אָדער ער וואָלט באַגאַנגען אַ גנבה.

אויף מאָרגן, גיי איך ווידער אין גאַס, און באַגעגן נאָכאַמאָל עפּעס אַ באַקאַנטן, שטעלט ער מיך אָפּ.

— שלום עליכם אַ איד! ווען זענט איר געקומען צוריק? לאַך איך און איך ענטפער אים: איך בין נאָך ניט אַוועקגעפאָרן!

— וואָס הייסט, ניט אַוועקגעפאָרן? מיר האָבן אייך דאָך גע־געבן דאַכט זיך אַן אַפּשיידס אָוונט, ניין? הא!

ווערט מיר שוין אפילו פריקרע, און איך הויב אָן ווי זיך פאַר־ענטפערן, כאָטש איך האָב ניט פאַרבראָכן:

— אָפיציעל, זאָג איך, בין איך שוין אַוועקגעפאָרן, נאָר וואָס האָב איך קיין צייט ניט, איך קען דאָך פאָרן מאָרגן, איבערמאָרגן."

פּטור געוואָרן פון דעם צווייטן, קומט מיר באַלד אָן אַ דריטער; און ער נעמט זיך ווידער צו מיר.—

— זע נאָר, אָט איז ער דאָך דאָ! מ'האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז ער איז ניט אַוועקגעפאָרן און איך האָב זיך ניט געוואָלט גלויבן, אַ שיינע מעשה, באַ מיין וואָרט.

בקיצור: עס איז מיר געוואָרן ענג אין שטאָט, וואו איך בין געגאַנגען, האָט מען אויף מיר געטייטלט מיט די פינגער, און גע־שושקעט זיך: „אויסגענאַרט אַ באַנקעטל, אַן אַפּשיידס אָוונט, מיט זייגערלאַך, מיט רעגנשירמס, מיט שרייב פּענען, און וויל ניט אַוועקפאָרן."

איינמאָל, ווען אַ איד האָט מיך געטראָפן אין גאַס, און זיך אָנגערופן צו מיר:

—הכלל, ווען פֿאָרט איר?" בין איך אזוי אויפגערעגט געוואָרן, און אים אריינגעשריען אין פּנים אריין:

— הערט אויס, ניט איך גיי ארום אויף אייער וועלט, און ניט איך מוז אייך זאָגן, ווען איך פֿאָר אַוועק, און אַז איר ווילט גאָר וויסן, קלער איך אינגאנצן ניט אַוועקצופֿאָרן, און טוט מיר עפּעס!"

נאָר מיט דעם האָט זיך נאָך די מעשה ניט געענדיקט: אין עטליכע טעג ארום, גאַנץ פֿרי, קלאַפּט מען אין טיר. עפֿן איך אויף, און איך דערזעה אַ קאָמיסיע פון זיבן, בעט איך זיי אריין, טרעט מען אַריבער די שוועל, נאָר מ׳איז ברוגז. איך פֿיל אין דער לופֿט, אַז אָט, אָט און עס וועט אויסברעכן אַ שטורם.

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן? פֿרעג איך זיי.

— מיר זענען געקומען אויסגעפינען פאַרוואָס איר זענט ניט אַוועקגעפֿאָרן, מחמת עס פּירט זיך אַז נאָך אַן אָפּשיידס אָוונט, בלייבט מען ניט אין שטאָט. עס האָט קיין פּנים ניט!

„עס קומט אוים ווי איר וואָלט בכיוון אויסגענאַרט אַן אָפּשיידס אָוונט." און דער דריטער פֿאַלט אריין אין די רייד—„מיט זייגער־לאַך, מיט רעגנשירמס, מיט שרייבפּענעס, פע, ס׳ניט שיין פון אייער זייט!"

וואָס טוינן אייך מעשיות, איך האָב אָפּגעגעבן דאָס זייגערל, מיט דער שרייב פּען, מיט דעם רעגנשירם, האָב זיך מיט אַלעמען צעקריגט, צעווערטלט, און דער סוף איז געווען, אַז איך בין ערשט אַוועקגעפֿאָרן, און אָן אַ זייגעזונט!

באַנקעטן און באַנקעטלאך

גוים מאַכן באַנקעטן, אָבער מיר אידן — באַנקעטלאַך!

איר זענט אַמאָל געווען אויף אַ גוישן באַנקעט? איר האָט געזען ווי אַזוי גוים מאַכן הכנות צו זייערן אַ באַנקעט? הייגט ווייסט איר וואו גוים קען איינפאַלן צו מאַכן אַ באַנקעט? איר וועט גאָר ניט טרעפן, ווייס איך, ערגעץ הינטער די הרי חושך, אין שערמאַן האָטעל, אָדער האָטעל מאַריסאָן. איז אַזוי; צעשיקט מען פריער שטאַפעטן, אַז מאָרגן פונקט אַכט דרייסיק, וועט אין זאַל פון שערמאַן האָטעל פאָרקומען אַ באַנקעט, און אַ טעלער וועט קאָסטן פונקט צוויי דאָלאַר מיט פופציג סענט, און איר זאָלט אַזוי גוט זיין און גלייך רעזערווירן אייער פּלאַץ.

און אַז איר וועט פאַר בעלנות אריינגיין אין דעם בלויען זאַל פון שערמאַן האָטעל, וועט איר זען, אַז אַלע זענען געקומען, און פונקט אַכט דרייסיק, ניט אַ מינוט פריער, ניט אַ רגע שפּעטער.

אַלע שטייען אָנגעצויגענע ווי אויף דראָטן, אין די ווינקלען פון דעם בלויען צימער, מען שטייט און מען שווייגט, קיינער וועט ניט ארויסרעדן אַ הויך וואָרט, מען וועט ניט מפסיק זיין ווי אין מיטן דער שמונה עשרה...

מיט אַמאָל גייט דער פּאָרזיצענדער און זעצט זיך אוועק אויבנאָן, און גיט אַ וואונק צו דעם עולם, אַז מען מעג זיך שוין זעצן, און ער זאָגט, אַז יעדער איינער וועט געפינען זיין נאָמען אויף אַ צעטעלע, לעבן זיין טעלער, גייט מען און מען זעצט זיך אַוועק, און עס איז ווידער שאַ, שטיל, אַ בית עולם.

דערנאָך קומט צוגיין אַ פּאָלק מיט קעלנער, שטעלט זיך אַוועק הינטער אייער פּלייצע, און איר קענט זיך אַליין קיין ריר, קיין בויג ניט טון. פונקט ווי איר וואָלט געלעגן אין אַ שפּיטאָל. וואַסער, גיט אייך דער קעלנער וואַסער, ברויט, פּוטער, ניט אייער עסק. טשעפּעט ניט, מע וועט אייך אַלץ געבן. גיסן די קעלנער אָן אַלע

גלעזער וואַסער, איז אַזוי גיך ווי דער פּאָרזיצער האָט זיך אָנגעריירט אין זיין גלאָז וואַסער, ווערן מיט אַמאָל אַלע געסט דורשטיק, און הויבן אויך אָן צו זופּן קאַלטע וואַסער. נאָכן וואַסער, איז מען זיך אויף אייך מרחם און מען דערלאַנגט אייך אַ בולקעלע, די גרויס ווי אַ גענעץ, ניט גענוג אויף איין צאָן, און צו דעם בולקעלע גיט מען איך די ערשטע פּאָטראַווע. טרעפט וואָס. ווייס איך וואָס, און מיט טויזנד קעפּ אַז איר וועט זיין וועט אייך דען איינפאַלן, וואָס פאַר אַ פּאָטראַווע גויים קענען סאַרווירן אויף אַ באַנקעט? בקיצור, לאָמיך אייך שוין זאָגן: מען דערלאַנגט אייך אַ שיסעלע קלעמס, אויסטערס אַזעלכע, דאָס איז אַזאַ מין ים חיהלע, אין אַ טשערעפּאַכע שיסעלע, איר קענט עס ניט קייען, ס'גליטשיק, נאָר שלינגען, טויט אָדער לעבעדיק, איר מוזט עס אַרונטערשלינגען, און אַראָפּ פון טיש!

אָבער קיינער פאַרקרומט זיך ניט, שאַ, שטיל, געפּטרט, און מען שווייגט ווידער, נאָר טאָמער איז איינער באַרעדעוויק, און דאָס מאכל געפעלט אים זייער, גיט ער אַ רעד צווישן די ציין; „פיין, דעטס נייס", ווערט אַ שטילער געפליסטער ווי צווישן זומער פליגעלאַך; „נייס, דעטס נייס, ווערי נייס"; און עס ווערט ווייטער שטיל...

דערנאָך גייט עס שוין מאַשינאַלנע; זופּ איז אַלעמען זופּ, אַלע ווי איינער זיצן מיט אַ טיפן ערנסט, און מען עסט זופּ. ניט קיין פּיפּס, ניט אַ שאָרך, קיינער גיט זיך ניט קיין ריר פון אָרט, ווי מען וואָלט מורא געהאַט עמיצן אויפוועקן פון שלאָף. געבראָטנס, איז אַלעמען געבראָטנס, ביר, איז אַלעמען ביר, טיי, איז אַלעמען טיי, וואָס דאַרפט איר מער, אפילו ציגאַרן, אַלעמען אַ ציגאַר, און פון דעם אייגענעם קעסטעלע, פון דעם אייגענעם סאָרט.

און אַז זיי זענען שוין גאָר וואוילע יונגן, און ווילן שוין נאָכן עסן עפּעס זינגען, ווייסט איר וואָס זיי זינגען?

„ווי וואָנט קאָם האָום אָנטיל מאָרנינג, ווי וואָנט קאָם האָום אָנטיל מאָרנינג," און נאָכאַמאָל די אייגענע חכמה: ווי וואָנט קאָם האָום אָנטיל מאָרנינג, ווי וואָנט קאָם האָום אָנטיל נון." אָנטיל נון, העי? מיינט איר דאָך, אַז ערשט איצט, וועט מען פאַרקאַשען די אַרבעל ביז איבער די עלנבויגנס, און מ'וועט ערשט אָנהויבן פאַרברענגען, העי? שטעלט זיך אויף דער טאָסטמאַסטער, און ער זאָגט:

זעכצן

„וועל, עפּטעראָל, ווי העד אַ נייס טיים, וואָט דו יו סיי, ווי גאָ האָום . . . ״ שטעלן זיך אַלע אויף און זאָגן נאָך דעם טאָסטמאַסטער, „ע נייס טיים, יו בעט! לעטס גאָ!״

מען רעט ניט, מען זינגט ניט, מען שרייט ניט, ניטאָ פון וואָס צו רעדן, און מען נעמט זיך אַרויסשאַרן פון הינטער די שטולן, מען נעמט די היטלען מיט די מאַנטלען, און מען חזר'ט איבער דעם פסוק: „נייס טיים, יו בעט, גוד נייט!״

מישטיינס געזאָגט! אָט האָסטו דיר אַ גויעשן באַנקעט, געפונען פון וואָס צו רעדן! . . .

* * * *

אָבער צוריק שמועסנדיק ביי אונז אידן אַ באַנקעטלע, העט? מאַלע ווען, אין אַ פראָסטן מאָנטיק, אין אַ מיטוואָך נאָך אַ לעקציע, נאָך אַ זיצונג, ווייס איך, קומט אַ איד פון ניויאָרק, אָדער פון ראָטשעסטער, אַ חילוק אַ גרויסער, גיט מען זיך אַ לאָז אריין אין אַ רעסטאָראַן, איינער מיט אַ שטעקן, אַ צווייטער מיט אַ רעגנשירם, אַ דריטער גאָר אָן אַ היטל, איינער לויפט פאָראויס, און גיט אַ וואונק צו דעם רעסטאָראַטאָר, ווי איינער רעט: היט זיך, מען גייט, מען קומט! און די געסט אליין, אזוי שנעל, ווי זיי באַלאַגערן דעם רעסטאָראַן, גיבן זיך אַ כאַפּ פאַר די טישן, מיט די בענקלאַך, מען רוקט, מען שלעפּט, און איידער דער גאַנצער עולם איז נאָך דאָ, ווערט שוין פון אַלע טישן איין טיש, איינער קריכט איבער אַ באַנק, אַ צווייטער קלעטערט איבערן טיש, אַ דריטער פאַרמאַכט דאָס פענצטער, מען רעט, מען שרייט, און מען נעמט קאָמאַנדעווען מיט דעם קעלנער, ווי אויף אַ יאַריד, מ'הויבט אָן באַשטעלן אַ באַנקעטלע.

— מיר ציבעלע מיט הערינג, אָבער ציבעלע, ניט ווי נעכטן, האָסט געזען וויפיל ציבעלע ער האָט מיר דערלאַנגט, אזוי ווי דאָס וואָלט געווען זאַפּעריין ! וועט איר געדענקען!״ און — מיר פיש מיט כריין, אָבער כריין, ניט קיין באָרשט!״ און מיר — גלעט זיך איינער באַ די וואָנצעס, — מיר גיט אַ טעלער לאַטקעס, נאָר געפרעגלט אין פוטער, אַז ניט, וועל איך זיי שיקן צוריק!״

א פירטער איז שוין גאָר אין די עולמות עליונים, האָט ער זיך פאַרטיפט אין אַ מאמר, און אזוי ווי ער וואָלט געווען איינער אליין

אויפֿן יאַריד, צעלאָזט ער זיך, דאַכט זיך פֿאַר זיך, אָבער ער מאַכט עס אויפֿן קול, און ער צעזינגט זיך מיט אַ גמרא ניגון:

„איי כינור, אַ פֿידעלע; היה תלוי, האָט געהאַנגען; מלמעלה למטתו של דוד, איבער דוד המלך׳ס בעט; וכיון שהגיע לחצות הלילה, און אַז עס איז געקומען האַלבע נאַכט; כאַפּט שוין אונטער אַ צווייטער, „צוועלף אַזייגער, האַלבע נאַכט.“ אָבער דער קעלנער זעט אַז עס איז שוין נאָך האַלבע נאַכט, און אַז ער וועט היינט ניט פֿאַרטיק ווערן, פֿאַלט ער זיי ביידן אַריין אין געזאַנג:

— הכלל, איר ווילט עסן אָדער שלאָפֿן. שלאָפֿן גייט אַהיים!“ בקיצור, פּטור געוואָרן פֿון דעם קעלנער, נעמט אַ איד און קלייבט זיך אַליין אויס אַ בענקל, און מאַכט עס פֿאַרן אויבענאָן, כאָטש קיינער האָט אים ניט געבעטן, איז שוין דאָ אַ טאָסטמאַסטער אויך, הויבן זיך אָן טראָגן קולות. הויבט איינער אָן צו זינגען.

— אַ ליבע צו שפּילן איז אוודאי כדאי — כאַפּט אונטער אַ צווייטער — איז אודאי כדאי, — ענטפֿערט אַ דריטער, „נאָר ווען זשע איז דאָס געוועט געוואָרן מיט איינער ניט מיט דריי“.

פּונקט אַנקעגן זיצט אַ אינגל מיט אַ מיידל, און זיי האַלטן זיך פֿאַר די הענט, אַזוי ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זיך פֿאַרבייטן מיט עמיצן, און דאָס אינגל קוקט דעם מיידל גלייך אין די אויגן אַריין, און זינגט איר:

„אוי האָב איך דיך ליב, ווי פּסח׳דיקן ראָסל!“

שרייט אויס אַנאַנדערער: מוחל, מוחל, איר וועט עס איר זאָגן אין דער היים, ניט דאָ, זינגט בעסער „מאַרגאַריטקעלאַך!“

זינגט אַ ליטוואַקל: „אין אַ סיינער זומער נאַכט, די לעוואָנעצקע האָט זיך אַזוי סיין געסיינט! אַ סוואָוע האָסטו מיר דוסענקע גע־סוואוירן, אַז דו וועסט מיינע אימער און עביק און טאָמעד און סטענדיק זיין!“

בקיצור, וויפֿיל מענטשן, אַזוי פֿיל חכמים, אַזוי פֿיל חלוקי דעה׳ס אין די מאַכלים. עסט איינער הערינג, שפּילט זיך דער אַנדערער מיט זיין גאָפּל מעסער, און אַז איינער האָט באַשטעלט לאַטקעס, האָט מען אים דערלאַנגט געקאָכטע פֿלוימען; האָט איינער געבעטן צוקער צו דער מילך, האָט מען אים דערלאַנגט לימענע, און עס איז אַ רעש, אַ טומל, מען רויכערט, מען שרייט, מען פֿילדערט,

און מען זינגט. איך זאָג אייך, עס איז אַן אמת'ער אידישער באַנקעטעלע, אַ מחיה, אַ שטיק געזונט קען אייך צוקומען.

און דער טאָסטמאַסטער, וואָס האָט זיך אַליין געמאַכט אַן אויבנאָן, און זיך אַליין אויסגעקליבן, נעמט אַליין אַ וואָרט, און וויל אַלעמען איבערשרייען, און הויבט זיך אָן צו בייזערן, — „אינדיאַנער! פערד! שעמט זיך כאָטש פאַר'ן גאַסט, לאָזט זאָגן אַ פאָר ווערטער!"

מיינט איר דאָך, אַז מ'וועט זיך באַליידיגן, אָדער עס וועט קומען צו פעטש, האַ? האָט איר ניט געטראָפן. עס ווערט שטיל אויף אַ רגע, נאָר אַזוי גיך, ווי דער טאָסטמאַסטער האָט פּרובירט נאָכאַמאָל עפענען דאָס מויל, און ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם סקאַר־באָוון: „חברים און כאַווערטעס", און בדעה געהאַט ערשט צע־צעלאָזן דאָס מיילכעל און מאַכן אויף אַלעמען אַן אַטאַקע מיט זיינע לעפצן, כאַפּט זיך אַרויס איינער מיט אַ קוויטשיק קול'עכל, און גיט אַ געשריי:

„מען האָט דאָך דיר געזאָגט, און געזאָגט, און געזאָגט — "

כאַפּן אַלע אונטער, „אַז נודיען טאָר מען ניט, און וואַסער שטויסט מען ניט, און קיין טשייניק האַקט מען ניט!!!"

בלייבט דער טאָסטמאַסטער ווי אָבגעגאָסן מיט קאַלטע וואַסער, און דער עולם לאַכט און האַלט זיך ביי די זייטן.

אַריבער דער שפּאַס, אַפּעלירט דער פּאָרזיצער נאָכאַמאָל צו דעם עולם, אַז מ'זאָל זיך האַלטן ערנסט, און ער גיט שוין אַנאַנדערן דאָס וואָרט. וויל דער אַנדערער ווייזן אַז ער איז אויך ניט אַבי ווער, פאַרגעסט ער זיך אַז עס איז שוין צוויי אַזייגער, און ער שטעלט זיך אַוועק מיט אַן אָנשטעל, ווי עס וואָלט ערשט טאָג געוואָרן, און ווי ער גייט האַלטן אַ רעפעראַט, כאָטש אויף אַ שעה, צוויי. עפנט ער נאָר דאָס מויל, און זאָגט ווידער דעם פּסוק — „חברים און כאַווער־טעס" — שפּרינגט איינער אַריין אין דער מיט און מיט אַן אָנשטעל:

„לאָזט אים רעדן, פאַרוואָס לאָזט איר אים ניט רעדן?"

וואָס קלערט איר, ער וועט שוין רעדן?

דערנאָך הויבט מען אָן קאָנקורירן: איינער וויל ווייזן אַז ער קען מגידות, אַ צווייטער לידלאָך, אַ דריטער דרשות, אַ פערטער הויבט נאָר אָן צו קרייען: „י—ב—ר—כ—ך, כו כו!!"

דערנאָך איז שוין דער קעלנער אוים קעלנער, דער רעסטאראטור זיצט שוין אויך ביים טיש; און טאָמער האָט דער גאַסט אַ ניי לידל, אָדער אַ וויץ, זיצט מען שוין בא אים אויפ'ן קאָפּ, אין די זייטן, און אַזוי הוליעט מען אָפּ אַ נאַכט, אַז עס איז, איך זאָג אייך, אַ כפּרה געבראָטענע קאַטשקעס, מיט לעבעדיגע אויסטערס; אַ כפּרה די גאַנצע וועלט פאַר אַזאַ באַנקעטל!!

גוים מאַכן באַנקעטן, אָבער מיר, אידן, באַנקעטעלאַך.

בלוטיקע שונאים

(כמעט אַן אמת'ע מעשה, פון אונזער צייט)

— דו ביזט אַ שאָוועניסט, אַ פּאַסקודניאַק, אַ פינצטערלינג, אַ פאשיסט, ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט דיך אַף זיך. גיי שוין אוועק פון מיינע אויגן, ווייל וואָס־עס'ט מיר קומען צו די הענט וועל איך דיר וואַרפן אין קאָפּ אַריין! ! ! ! ! ! ! "

מיט די דאָזיקע קאָמפּלימענטן אַדרעסירט יאַנקל זיין אייגענעם ברודער, איציק'ן, אַ אינגערמאַן אַ ציוניסט, מיט וועמען ער האָט עס פאַרפירט אַ דעבאַטע וועגן דער צוקונפט פון דעם אידישן פאָלק אין פּאַלעסטינע.

אָנגעהויבן האָט זיך די מלחמה אַף מאָרגן נאָכדעם ווי די אַראַ־בער מיט די אידן אין פּאַלעסטינע האָבן זיך ניט געקענט צוטיילן מיט ארץ ישראל, און האָבן זיך דאָרטן צושלאָגן.

איציק'ל איז פון אַלע יאָרן געווען אַ ציוניסט. ער האָט צען יאָר נאָכאַנאַנד געבויט ארץ ישראל, פאַרקויפט שקלים, און גע־ריסן פון טויט און פון לעבעדיק אַ שקל — אַף אַלע חתונות, ברית'ן, פאַרטים, בר־מצוה'ס — און וואו נאָר ער איז געשטאַנען און וואו ער האָט געטראָפן אַ באַקאַנטן האָט ער אים פאַרקויפט אַ שקל, און אַ דונאַם לאַנד, און אַ בוים אין יער הערצל, און אַ בלעטל אין דעם גאָלדענעם בוך; און אַלעמאָל, ווען מען האָט זיך נאָר מיט אים צערעט, האָט איציקל גע'טענה'ט: זעט ווי מיר וואַקסן, מיר פּראָג־רעסירן, מיר בויען ארץ ישראל, און מיר ווערן אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער גלייך. . . . באַ איציק'ן איז ארץ ישראל געווען בילכער פון דעם טאַטן מיט דער מאַמען, די ברידער מיט די שוועסטער; און הכלל, זיין ציון, זיין ארץ ישראל, זיין פּאַלעסטינע; און פון וואָס איר האָט ניט גערעט, איז איציק'ל באַלד אַריינגעשפּרונגען אין די רייד מיט פּאַלעסטינע. טאָמער עפּעס אַ מכה, אַ צרה, אַ אידי־שער גענגסטער, אַ „בוטלעגער", אַ פייער־מאַכער, האָט איציק'ל גע'טענה'ט: וואָס דען? אין אַמעריקע ווילט איר פיינע אידן?

אַט, אין ארץ ישראל! זעט איר, אין ארץ ישראל איז ניטאָ קיין גענגסטערס, אין פּאַלעסטינע האָט איר ניט קיין „בוטלעגערס", אין ירושלים איז ניטאָ קיין פּייערמאַכערס, דאָרטן האַנדלט מען ניט מיט קיין גע'גנב'עטע סחורה!

האָט אָבער איציק, אַ ברודער יאַנקל — אַ אינגערמאַן, אַ צאַצקע. יאַנקל איז אויך אַ געטרייער איבערגיבענער אידישער פּאַטריאָט, אַ גראַדואירטער פון אַ לערער־סעמינאַר, און יאַנקל איז אויך מוכן ומזומן צו ראַטעווען דאָס אידישע פּאָלק און עס באַזעצן אין ארץ ישראל; נאָר וואָס זשע דען? יאַנקל איז ניט איציק. שמועסט מיט יאַנקלען, איז איציק, דער ציוניסט, אַ רעאַקציאָנער, אַ פינצ־טערלינג, אַ פאַשיסט, אַ שאָווענעסט, וואָס וויל פאַרשלעפּן קיין ארץ ישראל דעם פינצטערן קאַפּיטאַליזם מיט דעם „סוועט שאַפּ", כדי מען זאָל דאָרטן עקספּלואַטירן דעם אידישן ארבעטער, אינאייי־נעם מיט די אַראַבער. ווייל טאַקע יאַנקל ניט אַנדערש, נאָר אַז פּאַלעסטינע זאָל געהערן צו דעם אַרבעטער קלאַס. און יאַנקל טענה'ט: וואָס? מיר וועלן אייך, פינצטערע ציוניסטן, רעאַק־ציאָנערן, איבערגיבן פּאַלעסטינע, אַז איר זאָלט איינבירגערן דעם קאַפּיטאַליזם, מיט דער רעאַקציע, מיט דעם „סוועט שאַפּ", מיט די „לייבאָר פייקערס"? אָ, ניין, גוטער ברודער! מיר וועלן מיט אייך קעמפן פונקט ווי מען דאַרף קעמפן מיט די פינצטערע בור־זשוקעס אין אַלע לענדער. איר זענט אויסבייטער, עקספּלואַטאַטאָרס, פּאַסקודנע קאַלאָניסטן, איר באַראַבעוועט דאָס אידישע פּאָלק!"

און אַז איציק מיט יאַנקלען זעצן זיך אַוועק צום טיש עסן, וואַרפן זיך ביידע ברידער איבער מיט בליקן ווי באַ גזלנים, איינער דעם צווייטן שטעכט דורך מיט די אויגן פון וועלכע עס שיסן פונקען פייער; פריער אַף שטום־לשון, דערנאָך הייבן אָן קומען ווערטער.

איציק צו יאַנקלען:

— פאַנאַטיקער! צעדרייטער סאָציאַליסט, נארישער לאָקש!

יאַנקעל צוריק צו איציקן:

— פאַשיסט, שאָווניסט, מוסאָליני!

זיצן שוין באַש טיש צוויי ברידער, וואָס זענען זיך בלוטיקע שונאים און קענען זיך ניט צעטיילן מיט דער ירושה פון דעם פאָלק ישראל, און איינער וויל איינשלינגען דעם צווייטן, לעבעדיקערייט.

צוויי־און־צוואַנציק

טאָמער איז אייך דאָס ווינציק, איז דאָ אַ דריטער ברודער, אייבעלע. און ער דערגייט זייביידן די יאָרן. אייבעלע מאַכט גאָר אויסצעדרייען איציקן מיט זיין ציוניזם, מיט די שקלים, מיט די ביימער אין יער הערצל, מיט די דונאַמס לאַנד, מיט'ן גאַנצן קלאַפּערגעצייג.

אייבעלע לאַכט שוין אפילו פון יאַנקלען מיט זיין פּאַרעוון סאָ־ציאַליזם, און אים געפעלט אפילו ניט די פּאָליטיק וואָס די רעכטע פּועלי ציון פירן מיט מעק־דאָנאַלדן, מיט דער „פּאַרטעראישער, ענגלישער רעגירונג".

אייבעלע פאַרשטייט איר מיך, איז אַ לינקער פּועל ציון, ווייל אייבעלע ניט אַנדערש, נאָר מען זאָל אַרויסנעמען די קאָלאָניעס מיט דעם לאַנד פון דעם נאַציאָנאַל פּאָנד, און אפילו פון דער הסתדרות, בײַ די רעכטע פּועלי ציון. און ניט אַנדערש, נאָר מען זאָל לאָזן די לינקע פּועלי ציון איינפירן אַ נייעם „סטראָי", אַ נייעם רעזשים.

אייבעלע צו איציק'ן: ווער? איר, פּאַסקודנע ציוניסטן, איר וועט פירן דאָס אידישע פאָלק? וואוהין וועט איר זיי פירן, אויף דער מוטער רחל'ס קבר? צום באַרג סיני? צו די ציגן מיט'ן באָק־סער? אָדער אפשר צוריק אין דער מדבר אריין, האַ? אַ שיין פּנים וועט האָבן ארץ ישראל, אַז מען וועט אייך ציוניסטן לאָזן פירן די גרענדע. . . .

אייבעלע צו יאַנקלען: אָדער אפשר אייך — האַ? אייך, רעכטע פּועלי ציון, גיבן די לייצעס; אייך, פּאָליטישענס, מעקדאָנאַל'ס פּאַר־ברענטע חסידים, האַ? אייך זיך לאָזן חנפענען צו „דזשאָן בול", צו דער ענגלישער רעגירונג, זי זאָל מאַכן פון ארץ ישראל דאָס וואָס זי מאַכט פון אינדיע? הע? — און אייבעלע פּאַרענדיקט:

— וואַרט אויס, וואַרט! מיר וועלן נאָך מיט אייך קעמפן, מיר וועלן אייך גיבן פּולווער צו שמעקן, און אייך ווייזן ווי צו פירן פּאַסקודנע פּאָליטיק!"

שפּרינגט איציק אריין אין די רייד: וועלן מיר אייך שמייסן, מיט אייזערנע ריטער! מיר וועלן אייך צעשיסן ווי די הינט! וואָס מיינט איר, ארץ ישראל איז אייך סאָוועט רוסלאַנד, איר וועט קומען און צעבונטעווען די אַראַבער, און זיי אויפרייצן אויף די אידישע קאָלאָניסטן, הע?!

דערנאָך פעלט שוין ניט קיין בוימל אפ׳ן פייער. די אויגן באַ אַלע דריי ברידער ווערן פאַרלאָפן מיט כעס, מיט רציחה, פיענע שוימט אַרום די מיילער, און עס הייבן אָן פליען פרישע קאָמפּלי־מענטן.

אייבעלע צו איציק׳ן: „מוסאָליני!“ און צו יאַנקלען: „אימפּער־יאַליסט, רעאַקציאָנער!“ און צוריק — שאָוועניסט, און נאַכאַמאָל — סאָציאַליסט, און דערנאָך כאַפּט איציק אַ בענקל, קערט יאַנקל אַף אים איבער אַ טיש, און אייב דערלאַנגט פּעטש, איציקן מיט יאַנקלען, און קולות טראָגן זיך אין דער לופטן, און עס שפּאַלט זיך די סטעליע!

אין מיט׳ן פון דער סצענע פאַלט אַריין דער פערטער ברודער — יאָסל. איצטער איז שוין די שמחה פאַר־פול. יאָסל וויל שוין גאָר אינגאַנצן ניט קיין אידיש פאָלק: „ווער פאָלק? וואָס פאָלק?“ טענה׳ט יאָסל, „סע ניטאָ קיין פאָלק, מע דאַרף ניט קיין פאָלק. עס איז דאָ נאָר אַ מענטשהייט, ווי אין סאָוועט רוסלאַנד . . . מען דאַרף ראַטעווען די מענטשהייט פון די פעלקער, פון די ראַסן; מען דאַרף איבערגיבן ארץ ישראל צו די מאַסן — צו די אַראַבער — עס איז ניט די אידנס לאַנד — שרייט יאָסל — די אַראַבער זענען בילכער. די אידן באַראַבעווען די אָרימע אַראַבער, און עס איז אַף די אַראַבער אַ גאָטס רחמנות. פּיאַווקעס אידישע, האָבן זיך אָנגעזעצט אַף די אָרימע אַראַבער און זויגן זייער בלוט . . . “ אַזוי שרייט יאָסל.

הייבט אָן איציק: און ווער מאַכט פּאָגראָמען אַף אידן אין ארץ ישראל?“

— עס איז ניט קיין פּאָגראָמען, עס איז אַ רעוואָלוציע . . . די אַראַבער האָבן ענדלאַך דערוואַכט און זיי מאַכן אַ רעוואָלוציע. לאַנג לעבן זאָלן די אַראַבער — די רעוואָלוציאָנערן! זאָלן זיי אויס־דישען אַלע אידישע רעאַקציאָנערן, די בלוט־זויגערס, די שוואַרצע מאה׳ניקעס, מיט דער ענגלישער רעגירונג אינאיינעם! איר וועט זען, מיר וועלן איינפירן אַ סאָוויעטן רעגירונג אין פּאַלעסטינע, איר וועט זען!“ שרייט יאָסל, און איז זיכער מיט׳ן זיג.

— מיר וועלן אייך הענגען אַף די טעלעגראַף סלופּעס, מיר וועלן אייך צושטעלן צו דער וואַנט און אייך אויסשיסן אָן אַ משפּט!“ דונערט איציק צו יאָסלען, און לעגט אים צו פּאָר אַ צוגאָב: וואָס

זשע, דו ביזט אויך אַ איד, דו ביזט אויך אַ מענטש? דו ביזט דאָך אַ „יעווסעק", אַ פּאַסקודנער יעווסעק! אַ פּאָגראָמשטשיק, אַן אַראַבער — אָט וואָס דו ביזט!"

יאָסל כעס'ט: „מיר וועלן אייך גיבן ציוניזם, וועלן מיר אייך גיבן! אַ דיקטאַטור, ניט קיין ציוניזם, וועט איר האָבן. אַ פּראָ־לעטאַרישע דיקטאַטור! אַ סאָוועטן רעגירונג — מיט אַ האַמער און סערפּ, מיט אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע!"

— ווער בעט אייך? ווער שיקט נאָך אייך? שרייט אייבעלע צו יאָסלען. איר, יעווסעקן, האָט ניט וואָס צו טאָן אין ארץ ישראל, גייט אייך קיין בירא־בידזשאַן! גייט אייך צו די פליגן מיט די זשוקעס!"

יאָסל צו אייב'ן: „נו, און איר לינקע פּועלי ציון. וואָס האָט איר אין ארץ ישראל? — טיפוס מיט מאַלאַריע? מיט אַראַבער אַף צו פּאָגראָמעווען?"

דערנאָך פאַלן שוין אָן איינע אויף די אַנדערע — מען רייסט זיך פאַר די נעזער, פאַר די האָר פון קאָפּ — עס איז אַ שלאַכט־פעלד, אַ ביטערע מלחמה. מען איז זיך שונאים, בלוטיקע שונאים, און מען וויל ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק.

דאָס גאַנצע אידישע פאָלק! דערווייל איז אַ קאַמף אַף לעבן און טויט, צווישן פיר ברידער.

אַזוי ווי איך זאָג אייך: בלוטיקע שונאים.

מיידלאַך

(צרות פון דערוואַקסענע קינדער)

וואָס איז באַ אייך — אויך מיידלאַך? גאָט צו דאַנקן, אַז איר האָט מיידלאַך, וועט איר מיר כאָטש צו גלויבן קומען.

וואָס־זשע לאַכט איר, איר מיינט איך ווייס ניט וואָס איך רעד? נישט'קשה, באַ זיך אין האַרצן ווייסט איר דאָך אַז איך בין גערעכט... איר הערט, בעסער פיר אינגלאַך, איידער איין מיידל... מיידלאַך אין אַ שטוב איז אַן אָנשיקעניש, אַפּגעהיט זאָל מען ווערן צו זיין אַ טאַטע פון מיידלאַך. דאָס געזונט נעמען זיי באַ אייך צו, איר קענט ניט שלאָפן דורך די נעכט, טאָג ווי נאַכט דאַרפט איר זיך זאָרגן פאַר די מיידלאַך, און מיינט איר וואָס? אייער קאָפּ אַרויפזועצן אַף זיי, קענט איר סיי ווי סיי ניט, נאָר גאָרניט, איר ווייסט דאָך, אַ טאַטע זאָרגט זיך!

מילא, ווייסט איר דאָך, קיין גוטע קינדער זיינען שוין היינט ניטאָ אַף דער וועלט — גוט איז עס ווען עס שלאָפט, קוים עפנט עס די אויגן — שוין, דרייט עס שוין אַ קאָפּ!

עס איז אפילו אמת, פון אינגלאַך האָט מען אויך גענוג צרות, אַ אינגל קריכט אין אַלע פייערן אַריין, ניט אויסצוהיטן, אמת... אָבער פונדעסטוועגן אַ אינגל — דו ווילסט ניט פאָלגן אַ טאַטען מיט אַ מאַמען, מען האָט דיר געזאָגט איינמאָל, צוויי מאָל — מיט דעם גיי ניט, דאָס טו ניט — דו ווילסט ניט פאָלגן, גיי דיר געזונטערייט, זוך זיך אַ בעסערע היים, און אַראָפּ פון מאַרק!

איר קענט ניט צוזען די שטיק פון אַ אינגל, זאָל ער גיין! נשקשה, אין דער פרעמד וועט ער שוין ווערן אַ לייט... די וועלט וועט אים אויסלערנען. יאָ, פאַר אַ פרעמדן וועט זיך אַ אינגל שעמען מער ווי פאַר דעם אייגענעם טאַטען מיט דער מאַמען — יאָ, יאָ... און טאָמער וועט ער ניט ווערן קיין לייט פאַר דער חתונה, וועט ער עלטער ווערן, ער וועט חתונה האָבן, וועט אים שוין די

ווייב לערנען שכל. איז פארשטייט איר דאך, דאס איז אלץ גע־רעט, אז מ׳האט אינגלאך, מאנסבלען . . . אבער וואס טוט מען אז מ׳איז א טאטע פון מיידלאך? זעט איר, דאס איז שוין א מיאוסקייט! . . .

איר קוקט מיך אן, הא. נאך קיין פערציק יאר ניט אלט, נו, פרעג איך אייך — דארף איך שוין זיין גרוי? זאגט אליין. וואס פעלט מיר? פרנסה האב איך, געזונט בין איך ברוך השם, אלא וואס זשע דען? די מיידלאך!!!! צוויי שטיקלאך קינדער, זיי זאלן געזונט זיין, פארמאג איך, מיידלאך — צוויי מיידלאך — און דוקא שיינע, לייטישע, און דוקא געראטענע; ווי זאגט מען, צו גאט און צו לייט. יא, און טאקע קלוגע, ווי די וועלט, און אינטעליגענטע קינדער, ביז גאר, און האבן געענדיקט א „היי־סקול". נאר וואס־זשע דען? שוין אביסל צו קלוג, צו שיין, צו לייטיש, און צו אינטעלי־גענט — און ווי זאגט די וועלט א ווערטל: וואס צו, איז איבעריק!

דאכט זיך אלע זייערע חבר׳טעס, באקענען זיך מיט א בחור, גייען אוים א שטיקל צייט, פארליבן זיך, האבן חתונה — און מזל טוב — אראפ פון מארק! געצעטעלט! און בא מיר, מיינע מיידלאך, א צרה, אן אומגליק — אז מען שמועסט, צו קלוג טויג ניט! ווען איך וואלט זיי שוין געקענט חתונה מאכן, וואלט איך אויפגעהויבןביידע הענט צום הימל. גיי־זשע, גיי שמועס מיט זיי, ווילן זיי ניט הערן און גערענקען; און זיי זענען נאך גערעכט!

און ביידע מיידלאך, אז איך מאך א מאל א רייד וועגן א תכלית, וועגן צעטלען זיך, וועגן חתונה האבן, שטעלט מען אוים אף מיר א פאר אויגן, מען לאכט מיר ארייך אין פנים אריין, און אלץ וואס איך הער נאר — איז, פאפא, ניט דיין עסק, פאפא, מיש זיך ניט אין אונזערע געשעפטן, דו דארפסט אונז ניט פארזארגן. ביזט ניט מחויב אונז צו פארשלייערן, מיר וועלן זיך שוין אליין פארזארגן. . ." איר הערט א לשון פון קינדער אין אמעריקע צו א טאטען, הא?

מילא, האב איך פרובירט פריער שיקן צו זיי שדכנים, האט מען די שדכנים אויסגעלאכט, און זיי משלח געווען פון הויז. זיי גע־מאכט אויסצעדרייען, אז איך האב זיך געשעמט די שדכנים צו קוקן אין פנים אריין.

— שדכנים — טענה׳ן די מיידלאך — זאלן זיך אפילו אף דער שוועל ניט ווייזן. שדכנים פירן צענויף צוויי וועגט מיט א בוידעם

און מאַכן אַ חנוכּת־הבית — איר הערט אַ לשון! שדכנים, זאָגן זיי, באַגראָבן לעבעדיקערייט אין דער ערד. . . . וואָס־זשע דען — אַליין! איר הערט? אַליין די שדכנים, אַליין די מחותנים, איין קול — אַליין, און אַליין!

איז הערט זשע: די עלטערע מיינע, אסתר׳ל, אַזוי איז זי דאַכט זיך אַ זיידן קינד — שיין און קלוג, און ליטיש — אַ דימענטענער מענטש. האָט זיך מיר אונטערגערוקט אַ אינגערמאַן, אַ לאָיער, מיט אַ גוטע פּראַקטיקע, און איך קען זיין טאַטען — אַ איד אַ גביר, און פון אַ פיינער משפּחה — איך זאָג אייך, אַ גליק, איינס אין דער וועלט, אַז מען דאַרף גאָרניט בעסער. און איך בין דאָך אַ טאַטע, וועלכער טאַטע וויל ניט האָבן קיין נחת אין זיינע קינדער? האָב איך איר טאַקע געזאָגט: אסתר׳ל, דער יונגערמאַן, דער לאָיער, געפעלט מיר, און די משפּחה געפעלט מיר — טו פאָלג מיך, אסתר׳ל, פאָלג אַ טאַטען, און זאָל זיין אין אַ מזל׳דיקער שעה. . . „

האָט זי מיך אפילו ניט געלאָזן ענדיקן די רייד. איר האָט גע־דאַרפט הערן דיבורים! איך זאָג אייך, איך האָב געמיינט אַ בעל דרשן שטייט און דרשנ׳ט איבער מיר:

— טאַטע — איך בעט דיך, טאַטע, ניט דיין עסק, זאָלסט ניט רעדן מער קיין וואָרט. איך בין דיר מוחל דעם לאָיער, מיט דער פּראַקטיקע, מיט זיין משפּחה, מיט אַלע גליקן; דו הערסט, טאַטע, און מער זאָלסטו אַ וואָרט ניט דערמאָנען פון אים! אַליין, דו הערסט, אַליין וועל איך זען וואָס איך האָב צו טאָן, און דו זאָלסט מיך ניט באַגראָבן, ניט פאַרשלייערן, ניט פאַרזאָרגן — און אַן עק!

איז טאַקע יענער באַלד אַ חתן געוואָרן און חתונה געהאַט. אמת, אין צוויי וואָכן אַרום האָט ער זיך גלייך צע׳גט מיט דער ווייב, אָבער דערוויל קען איך די מעשה עד היום ניט פאַרגעסן.

נאָר פאַרפאַלן! ס׳איז דאָך מיידלאָך. איר ווייסט דאָך, מיט שלעכטן וועט דאָך אודאי ניט העלפן.

האָט גאָט געהאָלפן, איך האָב באַמערקט מיין אסתר דרייט זיך אַרום אַ בחור. ווייס איך — מ׳גייט צוזאַמען אין טעאַטער, אויף קאָנצערטן, מ׳גייט אַ וואָך, אַ חודש, צוויי, דריי חדשים, אַ האַלב יאָר. נו, בין איך דאָך אַ טאַטע, וויל איך דאָך וויסן וואו האַלט עס אין דער וועלט? זיצן מיר אַמאָל אַ פרייטיק צונאַכטס באַם טיש, גיב איך איר אַ פרעג:

— אסתר, נו?

— וואָס, נו? — מאַכט זי זיך תמ'עוואַטע, גלייך ווי זי ווייסט גאָר ניט וואָס איך פרעג. . . .

זאָג איך איר שוין: „דערציייל אונז עפּעס וועגן דיין בחור — ווער איז ער? . .וואָס איז ער?" שמייכלט זי, און ענטפערט:

„א סאָציאַליסט איז ער!"

— א גליק האָט מיך געטראָפן — ענטפער איך איר, און לייג נאָך צו — א סאָציאַליסט, שמאָציאַליסט, לאָמיר הערן וויפיל פאַר־דינט ער, פון וואָס מאַכט ער א לעבן? נעמט זי און צעשרייט זיך אף מיר ווי אף א טאַטען, שפּרינגט אויף פון טיש, און ווערט ברוגז, און ענטפערט:

— וואָס איז דיין עסק באַ וואָס ער אַרבעט, און וויפיל ער פאַר־דינט?" און איז אַנטלאָפן פון טיש אַן אָנגעצונדענע ווי א שטיק פייער.

מילא, וואָס קען איך מיר העלפן? זאָל זיין אזוי. מוז איך אויסשטיין דעם רוגז!

א שטיקל צייט שפּעטער, גייט די אינגערע מיינע, רבקה'לע, און דערטאַפּט אויך ערגעץ א בחור, א חתן, א מציאה. איר הערט, זאָגט אייך וואָס איר ווילט, דאַכט זיך קלוגע מיידלאך, נאָר אז עס קומט צו עפּעס, ווי זאָגט ער — קלוג און קלוג — און מען באַנאַרישט זיך.

מילא, דער סאָציאַליסט, איז אויך עפּעס א צעדרייטער בחור, טראָגט שטענדיק א ברוינע העמדל, מיט א ווייכן קאָלנער, און א קעשענע פול מיט „הענדבילס", מיט צירקולאַרען, מיט א פּעקל בי־כער, און מער הערט איר פון אים ניט ווי — אַרבעטער קלאַס, און קאַרל מאַרקס, מיט קאַפּיטאַל, מיט „וואָוטס", מיט „אָפּן־עיר מיטינ־גען", מיט לעקציעס, און דיסקוסיעס, דעבאַטען, מיט — איך זאָג אייך — עפּעס א לשון, איר מיינט איך קען אייך איבערגיבן די אַלע מעשיות, וואָס עס קריכט אים אין קאָפּ, און מיט וואָס ער דרייט עס אסתר'ן א ספּאָדיק טאָג און נאַכט? מוחל! נאָר דער צווייטער, רבקה'לעס חתן, איר הערט? אף אים א קוק צוטאָן, זאָג איך אייך, איז א געלעכטער, א חוזק! איז אזוי: קיין היטל טראָגט ער אינגאַנצן ניט, קיין קאָלנער אויך ניט, און שיך, עפּעס

מאָדנע לאַפּצעס, אַז מ׳קען ברעכן . . . און קיין פלייש עסט ער ניט, נאָר גראָז און פּרוכט, און רויבערן, רויבערט ער ניט, און זען, זעט ער אויס ווי ער וואָלט איינגעשלונגען אַ שטעקן און קען זיך ניט אָנבויגן — דין איז ער, און אַ פּנים, הויט און ביינער, און רעדן רעט ער מיט אַ פּישטשעדיקע שטימע, ווי אַ יונג הענדעלע, אַז עס הייבט אָן צו קרייען — און פאַרקאָכט איז רבקה אין אים, פאַר־גליבט ווי אין אַ גאָט! מילא, זאָל שוין זיין אַזוי, וואָס קען איר העלפען?

הערט זשע, וואָס זשע טוט גאָט? גייט ניט מיין אסתר און נעמט ניט אין אַ שיינעם אָף דער נאַכט און פאַרליבט זיך ניט אין רבקה׳לעס חתן? אָבער אַזוי פאַרליבט, ווי זאָגט ער, ביז איבער די אויערן! און אסתר גיט איר בחור דעם וועג. ער ווייזט זיך שוין מער ניט. און רבקה זיצט און די כּחות גייען איר אויס — זי זעט צו מיט די אייגענע אויגן, אַז איר חתן איז שוין ניט דער וואָס נעכטן, עס איז ניט איר חתן מער. רעדן רעט ער נאָר צו אסתר׳ן, אַרויסגיין גייט ער נאָר מיט אסתר׳ן, און קומען צוריק קומט ער שפּעט באַנאַכט מיט אסתר׳ן. הכּלל, רבקה האָט עס ניט אויס־געהאַלטן און איז אַרוים מיט לשון: „וואָס פאַר אַ שוועסטער ביזטו מיר? אַ שיינע שוועסטער . . . דאָס איז מיין גליק געוועזן און דו רויבסט מיר מיין גליק, דו צעברעכסט מיר מיין לעבן. איך האָב אים ליב, זייער ליב. . . .“

טענה׳ט אָבער אסתר, אַז זי האָט אים נאָך מער ליב, און ער — זי אויך; אַז זי וויל, קען זי באַ אים פרעגן . . . וועט זי זיך איבער־ציייגן. . . .

— אָט וועל איך גיין אים פאַלן צו די פיס, און זיך בעטן באַ אים — ענטפערט רבקה — ניט דערלעבן וועלן עס מיינע שונאים!“ און אַז רבקה זאָגט „שונאים“, ווייס איך שוין וועמען זי מיינט. . . .

וואָס קלערט איר, עס איז מיר גוט, האַ? עס איז אַ נחת צו האָבן באַ זיך אין הויז אַזעלכע צוויי מיידלאַך און צוזען אַזעלכע דרכים? . . .

דעם סוף ווילט איר וויסן. הע, ווען עס זאָל שוין האַלטן באַ אַ סוף . . . איז אַן עק, אַראָפּ פון מאַרק! ווייס איך וואָס . . . ווער קען זען אַ סוף? . . . ווארום אַז נעכטן האָט דער בחור געקענט ליב

האָבן רבקה'ן און היינט — פלוצלינג, איבער נאַכט — איז ער שוין פאַרכאַפּט געוואָרן פון אסתר'ן, פון וואַנעט־זשע בין איך באַוואָרנט אַז מאָרגן וועט ער דערזען אַ פרישע מיידל, אַן אַנדערע, וועט ער אסתר'ן אויך ניט וואַרפן, און וועט איינגאַנצן ניט ווערן?

נאָר שמועסט מיט זיי, זענען זיי גערעכט און דער טאַטע מיט דער מאַמע פאַרשטייען גאָרניט.

איי מיידלאַך, מיידלאַך, אַז ניט געדאַכט זאָלן זיי ווערן — גרוי און אַלט האָבן זיי מיך געמאַכט. . . . הערט איר, הלואי זאָל איך ליגן זאָגן, קיין נחת מיט קיין תענוג וועל איך שוין פון די מיידלאַך ניט האָבן. . . .

אין דער פינצטער

איר זענט שוין אמאל געגאנגען אין דער פינצטער? אויב איר זענט אמאל געגאנגען אין דער פינצטער און ניט געהאט קיין מיאוס'ן אפשניט, וועט איר מיר אפשר ניט גלויבן, נאר פונדעסטוועגן גיב איך אייך א ווארנונג, ווי גאט איז אייך ליב: איר קומט אמאל אהיים שפעט באנאכט, און אפילו אז איר האט מורא פאר דער ווייב, זי זאל אייך ניט מאכן קיין שווארצן סוף, איז די ערשטע זאך, גייט אריין אין הויז, און מאכט ליכטיק. נאר ניט גיין אין דער פינצטער. און אז איר וועט מיך ניט פאלגן און וועלן זיין א חכם, וועט איר ערשט דערנאך מיר צוגלויבן קומען.

„וויפיל מאל א וואך קען א מאן אפנארן א ווייב? צוויי מאל, דריי מאל א וואך, הא? ווי זשע איז דער דין, אז מיין ווייב קען איך שוין מער ניט אפנארן, הא? אז זי וויל מיר שוין אינגאנצן ניט גלויבן? מיינט איר, האב איך עפעס צו איר, חלילה? זי איז נעבאך גערעכט, אלץ הייסט גערעכט! נו, און אז זי איז גערעכט, איז וואס? ווערט מיר גרינגער אפ'ן הארצן? גלויבט זי מיר טאקע ניט. און שוין עטלאכע יאר אז מען איז פארהייראט, און איך האב נאך אלץ א טבע אדער צו פארשפעטיקן, אדער ניט אהיימצוקומען, אדער אויב שוין יא קומען, איז זיך ארויסכאפן נאך וועטשערע, און זאגן אז איך וועל באלד זיין צוריק, און דער — באלד זיין צוריק — קען זיך אמאל ענדיקן, אויב שוין אפילו גאר פרי, איז צוויי־דריי אזייגער באנאכט, און אמאל טאקע אין דער פרי, מיט'ן טאג צעגלייך.“

אזוי דערציילט מיר מיינער א חבר, א אידישער דיכטער, א וואוילער בחור, ביז גאר, א טייערער מענטש, א גוטער ברודער, וואס גאט האט אים נעבאך געשטראפט און ער איז, ניט פאר אייך געדאכט, פארהייראט — און שטארק פארהייראט — און האט א ווייב, א טייער ווייבל, טאקע א שטיק גאלד, נאר איין חסרון נעבאך: אנשטאט מיט „ווײדזשעם“ האדעוועט ער זי מיט לידער, מיט פאעזיע, און מיט מעשיות.

צוויי־און־דרייסיק

וואָלט ער כאָטש, דער פריינט מיינער, געהאַט אַ טבע צו קענען אָפּזיצן אַן אפּדערנאַכט מיט דער ווייבל אין דער היים; מילא, זאָל שוין זיין ניט קיין „ווײדזשעס“, זאָל כאָטש זיין לידער, פּאָעזיע, מעשיות! אָבער זאָל זיין עמיצער אין הויז!

האָט נאָך מיין פריינט אַ טבע, ער איז אַ גוטער. ער איז ניט פויל אַף צוזאָגען, און אַלע טאָג, איידער ער דאַרף אַוועקגיין פון הויז, ווערט ער גוט, און גיט אַ זאָג צו דער ווייבל:

— שיינדעלע, היינט קום איך אַהיים פאַרפרי, און מיר'ן פאַרברייננגען אָן אָוונט; דו וועסט זען, שיינדעלע, מיר'ן אַזוי גוט פאַרברייננגען — איך וועל דיר לייענען אַ ניי געדיכט, וואָס איך האָב ערשט די טעג פאַרענדיקט, און אַ מעשה, גאָר אַ שיינע מעשה, וועל איך דיר לייענען — וואָס אַרט דיך, אַז איך זאָג, איך קום אַהיים פאַר פרי, מעגסטו מיר גלויבן!"

מילא, איינמאָל ניט געקומען פאַר פרי, געדאַרפט קומען זיבן און געקומען צוועלף; אַ צווייטן מאָל געדאַרפט קומען צו וועטשערע, און געקומען מיט'ן מילכמאַן; איז אפילו אַ טייער ווייבל אויך ניט קיין מלאך, און רעט אויס, און גיט אַמאָל אַ קללה אויך, און אַמאָל גיט זי שוין אַ בורטשע שטילערייט:

— געהאַלטן וואָרט . . . הע. געקומען פאַר פרי, וואָס דען? זוער האָט עס פריער ניט געוואוסט? געהאַלטן וואָרט, יאָ."

נו, די ערשטע צייט פאַרענטפערט מען זיך:

— גלויב מיר, שיינדעלע, דו ביזט גערעכט, אַזאַ יאָר אַף מיר ווי גערעכט דו ביזט, אָבער וואָס זשע זאָל איך טאָן, אַז מען קומט אַריין אין דער „ראָיאַל“, און אַ שרייבער כאַפּט זיך אַרום מיט דיר, און נעמט דיר מאַכן קאָמפּלימענטן, און דערנאָך פאַרפירט מען אַ שמועס, און אַמאָל גייט מען אַריין אין אַנאַנדער קאַפּיי, און דאָ איז אַפּן האַרצן עפּעס ניט פריילאַך, גייט מען אַריין צו מאָסקאָוויטש'ן אין קעלער אַריין, און די גאַנצע צייט זיץ איך און טראַכט: „אַך, אַ רחמנות אַף מיין שיינדעלען, זיצט נעבאַך און וואַרט אַף מיר; כ'לעבן, ניט פיין פון מיין זייט" — און איך הייב זיך אויף צו לויפן אַהיים, און מיטאַמאָל טראָגט אָן דער גוטער יאָר דעם, יענעם, און מ'שטעלט אַביסל ווײן, אָדער עמיצער זינגט אויף אַ לידל, און דער גוטער יאָר ווייסט עס, איידער מען קוקט זיך אַרום, שוין שפּעט!

און איך גיב אַ טראַכט: וואָס וועל איך איצטער טון אין דער היים? מיין שיינדעלע שלאָפט דאָך, וואָס וועל איך זי גיין אויפוועקן? זאָל זי שוין שלאָפן!"...

אַ שטיק צייט האָב איך זי נאָך ווי עס איז געהאָדעוועט אַף תירוצים:

— וואו איז מען עס ערגעץ געווען אַזוי שפּעט?

— אַף אַ זיצונג פון שרייבער.

— און וואו איז מען עס געווען נעכטן?

— נעכטן? אַף אַ ליטעראַרישן פּרייטיק, באַ דער קולטור געזעלשאַפט.

— און עהער־נעכטן?

— עהערנעכטן — ווייס איך, געזעסן אַביסל אין קאַפּיי, מיט שרייבער.

— אפשר וואָלסטו שוין אַמאָל מיט דער ווייב אויך געזעסן אַביסל, אין דער היים, צי דאָס איז ניט אַזוי וויכטיק ווי די קאַפּיי, האַ? — גיט שיינדעלע אַ זאָג, און איז ברוגז.

— שיינדעלע, מיין טייער שיינדעלע! וואָס רעדסטו — ניט וויכטיק? . . . טייערע מיינע, דו ביזט מיר וויכטיקער פון אַלע זיצונגען פון די שרייבער, מיט די מעשיות, מיט די קאַפּייען — באַרואיק איך איר, און זאָג איר צו: — זעסטו, טייערע, דערפאַר קום איך דיר היינט אַהיים, זעקס אַזייגער. דו הערסט, עס מעג דונערן און בליצן, אַזוי שנעל ווי עס ווערט נאַכט, בין איך דאַ אין דער היים. נו, שאַ, זיי־זשע ניט בייז אַף מיר!"

— פרי אַהיים — מורמלט שיינדעלע — גאַנץ פרי, האַ? ווען אַלע וועלן נאָך שלאָפן, גאַנץ פרי.

— שיינדעלע, מיין גאָלד, וואָס רעדסטו, דו גלויבסט מיר ניט? אַז איך זאָג, איך קום אַהיים — קום איך אַהיים. נו, זיי שוין רואיק. דו וועסט זען, אָט גיי איך און קום באַלד אַהיים, וועסט זען."

— גאַנץ פרי, אַזוי ווי נעכטן, אַזוי ווי אַלע מאָל. גיי שוין, גיי, איך קען דיך שוין. איך ווייס שוין דיינע גאַנץ פריען. זיי ליגן מיר שוין — אָט־אַ־דאָ־אַ — ווייזט שיינדעלע אַף איר האַלדז.

פּיר־און־דרייסיק

— אז איך זאָג דיר אַ וואָרט, איז אַ וואָרט — רעד זשע ניט קיין נאַרישקייטן, שיינדעלע!

און איך גיי אַוועק אַין שטאָט אַריין, און מאַך אָפּ באַ זיך, אַז היינט, זאָל איך ווּיסן ווייסיך וואָס, גייט מען אַהיים זעקס אַזייגער, און אַן עק זאָל עס נעמען. מען דאַרף אַמאָל אַן איינענער וויב אויך ווייזן אַז מען האַלט וואָרט.

איז מיר אָבער באַשערט אַן אומגליק, מאַכט זיך אַזאַ זאַך: איך קום אין שטאָט אַריין און מען זאָגט מיר, אַז היינט באַנאַכט איז אַ באַנקעט באַ דעם שרייבער פּאַריין — אין מיין פּאַריין. און ניט זיין באַם באַנקעט, מיינט, זיך מאַכן אַלע שרייבער פאַר שונאים, און טאָמער איז אייך דאָס ניט געננוג, האָט מען מיך אַליין געמאַכט פאַר'ן „טאָסטמאַסטער“. און דאָ האָב איך שיינדעלען צוגעזאָגט מיט האַרבן וואָרט אַז איך וועל קומען אַהיים.... וואָס טוט מען, וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך? ניט אַהיים קומען, וועט זי דאָך נעבאַך זיין געַרעכט, זי האָט דאָך מיר טאַקע ניט געוואָלט גלויבן...

איז באַ מיר דעריבער געבליבן, אַז פריער גיי איך אַהיים, ווייזן שיינדעלען אַז איך קען יאָ האַלטן וואָרט. איי, וואָס וועט זיין דער־נאָך? דערנאָך וועלן מיר שוין זען!

געקומען אַהיים, שיינדעלע האָט זיך עפּעס אירע אויגן ניט גע־גלויבט; און אַן אָנגעלייגטער גאַסט בין איך געווען — פרעגט שוין ניט....

— טפו, טפו, שהחינו, וקימנו — האָט שיינדעלע זיך צעלאַכט, און מיך אַרומגענומען, אַז עס איז מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט!

שיינדעלע גרייט צום טיש, איך עס, און עס וואָרגט מיך. יעדער ביסן שטעלט זיך מיר אין האַלדז. איך ווייס דאָך אַז איך דאַרף אַוועקגיין, און וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס? געקומען אַהיים, און דערנאָך ערשט אָפּכאַפּן דאָס עסן און אַנטלויפן.

נאָכ'ן עסן הייב איך אָן צו ווערן אַ דיפּלאָמאַט: — שיינדעלע, שטעל איך זיך איין, און גיב איר אַ זאָג: — שיינדעלע, אפשר ווילסטו גיין אין טעאַטער? איך האָב אַ „פּעס“, ווילסט גיין, שיינדעלע?“

— עפּעס ביזטו מיר מיטאַמאָל צו גוט געוואָרן צו מיר — גיט מיר שיינדעלע אַ זאָג, און זי קוקט מיר אין די אויגן אַריין, גנב'יש.

— זאָג נאָר, צי ווילסטו מיך ניט אַרויספּראוואַדען אין אַ טעאַטער און אַליין אַוועקגיין צוריק אין שטאָט אַריין, הע? ? ? ! ! !

ווײַל איך דאַרף איר ניט צוגיבן, הייב איך זיך אָן צו פּאַרענטפערן: שיינדעלע, וואָס דיר קען אײַנפאַלן! ווער וויל דיך אַרויס־פּראוואַדען? איך האָב געמיינט טאָמער ווילסטו אַביסל צוגיין אין אַ טעאַטער....״

— מיט דיר וועל איך גיין אין אַ טעאַטער ... אָן דיר גיי איך ניט.״ — ענטפערט שיינדעלע. איך זע אַז עס האַלט שמאָל, דער זייגער אין קעשענע רוקט זיך, קוקן אויף אים האָב איך מורא, אָבער איך פיל אַז די צייט שטייט ניט....

פּרוביר איך אַנאַנדער מיטל:

— אַ גאַנצן טאָג זיצסטו אין שטוב, דו האָסט דאָך אפילו ניט קיין ביסל לופט ... פאָלג מיך, גיי זיך דורך אַביסל אין גאַס, אויף לופט....

— קום אויך, וועלן מיר גיין. אַליין גיי איך ניט אויף דער נאַכט אין גאַס....

אַז איך האָב דערפילט אַז עס האַלט גאָר שמאָל, בין איך גע־פאַלן אויף אַ שפּאָגל נייעם פּלאַן:

— ווייסטו גאָר וואָס, שיינדעלע, אויב אַזוי, טו זיי זשע אַ גוטע, און מאַך מיר דאָס בעט און איך וועל גיין שלאָפן ... אַז איך בין שוין יאָ אַזוי פרי אינדערהיים, וועל איך זיך כאָטש גוט אויסרוען...

— עס וועט דיר אָסור שאַדן! לייגט זי צו, און זי מאַכט מיר דאָס בעט.

מילא, פאַרפאַלן, אַז דאָס בעט איז געמאַכט, און איך האָב זי אַליין געבעטן אַז זי זאָל מאַכן דאָס בעט, דאַרף מען זיך אויסטון און זיך לייגן.

האָט גאָט געהאָלפן, אַז אַזוי גיך ווי איך האָב זיך אַוועקגע־לייגט, האָט שיינדעלע זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אַ שכנה, און דער טע־לעפאָן קלינגט: ״העלאָ, העלאָ! — פאַרוואָס קומט איר ניט? אַ שיינער טאָסטמאַסטער זענט איר! דער עולם וואַרט דאָך אויף אײַך ... אַ גרויסער עולם!״

— איך קום גלייך — ענטפער איך, און איך כאַפּ זיך אַף גיך אָנ־טאָן. אַרויס אין גאַס, אַריין אין אַ טעקסי — אַביסל פאַרשפּעטיקט, אָבער איך בין געקומען צום באַנקעט . . . אַ סוף, אַבי איך בין דאָ! !

אָפּגעמאַכט אַז איך וועל היינט קיינעם ניט געבן קיין ווערטער, עס מאַכן איינס און צוויי, און אַנטלויפן אַהיים שנעל — אפשר וועט גאָט העלפן, שיינדעלע וועט זיך פאַרזיצן בא דער שכנה, און וועט גאָרניט וויסן אַז איך בין ניט געווען אין הויז. . . .

אָבער אַ באַנקעט איז אַ באַנקעט, און יעדער איינער איז כלומרשט דעם אַנדערן געטריי, און אַלע מינוט שיקט אַנאַנדערער צו אַ פריש צעטעלע: דעם דאַרף מען געבן אַ וואָרט! יענעם מוז מען געבן אַ וואָרט! אים . . . למען השם . . . עס וועט זיך טון חושך! . . .

דער סוף איז געווען, אַז אַלעמען האָט מען געמוזט, און געדאַרפט, און עס האָט זיך געטון חושך, און מען איז פאַרטיק געוואָרן פיר אַזייגער. כאַפּ איך שוין אַ טעקסי, און זיץ און טראַכט: אַז שיינ־דעלע וואָלט זיך כאָטש ניט אויפגעכאַפּט איצט, מילא מאָרגען, זאָל שוין זיין וואָס סע וועט זיין. היינט בײנאַכט זאָל כאָטש ניט זיין קיין סצענע . . . אַ סוף!

האָב איך זיך אויסגעאַרבעט אַזאַ פּלאַן:

— אין דער פינצטער! איך וועל מיר אַריינקומען אין דער פינצטער, זיך אויסטאָן אין „האָל", און שטילערייט זיך אַריינגיין אין מיין שלאָף צימער. זאָל זי ניט הערן ווען איך בין געקומען. . . .

האָב איך טאַקע אין „האָל" אויסגעטאָן די שיך, צעקנעפּלט דעם ראָק, און זיך פאַרטיק געמאַכט, אַז אַזוי שנעל ווי איך וועל אַריין, זאָל איך שטילערייט אַריין צו זיך אין שלאָף צימער, און גיין שלאָפן, און שאַ . . . איך שלאָף. . . .

דאַכט זיך אַ ריכטיקער חשבון. . . .

העלפט גאָט, עס פּאַסירט אַ קליינינקייט: מיין ראָק פאַרטשעפּעט זיך אין אַ בענקל, און דאָס בענקל שלעפּט מיט דעם דראָט פון אַן עלעקטרישן לאָמפּ, און דער לאָמפּ פאַלט איבער טיש, און פון טיש הייבן אָן צו פאַלן ביכער — אָבער ניט ווי ביכער, נאָר ווי האַרמאַטן! שטיי איך אין דער פינצטער און ציטער, שיינדעלע זאָל כאָטש ניט דערהערן און זיך ניט אויפכאַפּן; זאָל איך שוין ווי

עס איז דערקריכן צו זיך אין שלאָפצימער . . . און דאָ גיסט שוין פון מיר שוויים, פון אָנשטרענגונג. פאַרגעס איך אַז איך האַלט צוויי שיך אין ביידע הענט, און איך הייב אויף אַ האַנט און וויל אָפּווישן מיין שוויים, און מיטאַמאָל דערפיל איך אַז אַ שוך האָט דורכגע־זעצט דאָס גלאָז פון אַ שפיגל, און דער שפיגל האָט זיך צעקראַכט מיט אַזאַ בראַזג, און עס האָבן אָנגעהייבן פליען מיר שטיקער גלאָז אין קאָפּ, און אין פּנים, און איידער איך האָב צייט אַ קלער צו טאָן, וואָס צו טאָן ווייטער, גיט אַ בליץ אין צימער, עס ווערט ליכטיק — דאָס איז מיין שיינדעלע אַרונטער פון געלעגער און געמאַכט ליכ־טיק — און איך דערזע אַז איך שטיי אַ פאַרבאַריקאַדירטער צווישן אַן איבערגעקערטן טיש, מיט בענקלאַך, און איבערן טיש ליגט אַן עלעקטרישער לאָמפּ, און אַן איבערגעקערטער ביכער־שראַנק; און טאַמער איז אייך ווינציק, רינט מיר דאָס בלוט פון פּנים און פון די הענט. . . .

— וואָס זשע, האָסט זיך גערדאַרפט אַרוים'גנב'ענען פון געלעגער און אַריינקומען ווי אַ גנב ? אָט דאָס הייסט באַ דיר האַלטן וואָרט ?... קומען פרי אַהיים, האַ ?" — איך שוויינ.

— אוי ווי איז צו מיר ! גיב נאָר אַ קוק ! ווען האָסטו דאָס צעבלוטיקט ? ווער האָט דיך צע'הרג'עט ? עס גיסט דאָך בלוט פון דיר !" — איך שוויג, רעט זי ווייטער:

— ביזט אַ מבין ווי אַ מענטש מאַכט עס באַ זיך אַליין אין מיטן דער נאַכט אַ פּאָגראָם ! ! ! — און זי לעגט צו:

— זע נאָר, האָסט דאָך מיר צעבראָכן דעם שפיגל מיט'ן לאָמפּ, מיט דעם ביכער־שראַנק ! וואָס שטייסטו ווי אַ גולם ! גיי שוין וואַש זיך אָרום. מאָרגן וועסטו שוין מעגן אינגאַנצן ניט קומען."...

וואָס ענטפערט מען אַ ווייב אַף אַזעלכע רייד, האַ ?

דעריבער זאָג איך אייך: ווי גאָט איז אייך ליב, איר קומט אַהיים שפּעט, למען השם, גייט ניט אין דער פינצטער, וועט איר זיך נישט פאַרטשעפּן אין טיש מיט די בענקלאַך, ניט איבערקערן דעם לאָמפּ מיט דעם ביכער־שראַנק, ניט צעברעכן דעם שפיגל, און זיך ניט צעבלוטיקן דעם קאָפּ מיט דעם פּנים — וואָרום דערנאָך וועט ערשט די ווייב זיך אויפכאַפּן און אייך מאַכן אַזוי ליכטיק, אַז עס וועט אייך ווערן ווייסט און פינצטער פאַר די אויגן, אַז וויפיל איר וועט לעבן וועט איר דאָס האָבן צו געדיינקען.

אַבאַ־און־דרויסיק

אָנשיקעניש ן

אינקוויזיציע

„פון דעמאָלט אָן, אַז איך ווער קראַנק, גיי איך ניט צו קיין באַקאַנטן דאָקטאָר, נאָר אַריין צו אַ ווילד פרעמדן, אָפּגעוואָרט אַף אַ „נעקסט", עקזאַמענירט, גענומען אַ רעצעפּט, באַצאָלט, און — אַ גוטן טאָג, דאָקטאָר!"

אַזוי דערציילט מיר, מיינער אַ באַקאַנטער, אַ נערוועזער מענטש, אַ רעדאַקטאָר פון אַ אידישער צייטונג אין דער „קאַונטרי".

איינמאָל האָט זיך אַף מיר אָנגעזעצט אַ דאָקטאָר און מיר אָנגעהויבן ברייננגען מאַנוסקריפּטן צום לייענען, אַז איך זאָל זיי דרוקן אין צייטונג. דאָס ערשטע מאָל האָט ער מיר געבראַכט אַ פולן בוזם־טאַש מיט לידער. האָב איך זיך גלייך דערשראָקן, ווייל מיט די לידער אין בוזם־טאַש, האָט דער דאָקטאָר אויסגעזען ווי מיט אַ הויקער פון פאָרנט.

דערזען אַזוי פיל לידער, האָט מיך באַנאָמען אַ שוויים צום חלשן. האָב איך זיך טאַקע באַנוצט מיט דער געלעגנהייט, אָוועקגעפאַלן אין חלשות, גאָט צו דאַנקן, און זיך אַזוי געראַטעוועט פון זיין פאַרלעזונג! . . .

אָבער פון יענעם טאָג אָן, האָט דער דאָקטאָר מיך אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן. . . . זיץ איך אין טעאַטער, וואַקסט ער אויס צווישן די אַקטן. אַנטלויפן קען מען ניט; נעם שרייען געוואַלד, וועט ווערן אַ פּאַניק אין טעאַטער; זיץ איך אין געהאַקטע וואונדן, ער לייענט און פון מיר טריפט שוויים.

האָב איך שוין צוליב אים אויפגעהערט גיין אין טעאַטער. טרעפט זיך אָבער אַז אַ שרייבער שטאַרבט אַוועק און מען פּראַוועט אַ לויה. אין מיטן דערינען, אַפן בית־עולם — ער וואַקסט אויס לעבן מיר: —איר זעט דעם בוך לידער? דעם גאַנצן מאַנוסקריפּט, האָב איך עס טאַקע אים געווידמעט. איצט זענט איר דאָך ניט פאַרנומען — און ער עפנט דאָס בוך, און שטעלט זיך מיר אַוועק פאַרלייענען . . . אַפן בית עולם. . . . אַף אַ בית עולם האָב איך

פיינט צו חלש'ן . . . מאַלע וואָס . . . . שונאים האָט אַ אידישער רעדאַקטאָר געגוג, ווער ווייסט? טאָמער קען מען אַמאָל מיך אַזוי שנעל ניט אַפּמונטערן, גייען די מיטאַרבעטער, באַנוצן זיך מיט דער געלעגנהייט, און איידער וואָס־ווער־ווען, אַריינגעלייגט ניין איילן אין דער ערד, און ליג, גוטער ברודער.! גיב אַנאַנדערן אַ „טשאַנס” צו ווערן אַ מאָל אַ רעדאַקטאָר. . . .

ווער איך אַ דיפּלאָמאַט, און נעם זיך בעטן בא אים: „טאַטעלע, טוט אַ טובה, קומט שוין בעסער צו מיר אין רעדאַקציע, און איך וועל אייך אויסהערן . . . אַבי ניט דאָ. . . . דאָ טוט אַ טובה, איך וויל נאָך לעבן!!!!!”

דאַרף טרעפן, אַז אַפן בית עולם האָב איך געכאַפּט אַ שטיקל פאַרקילונג און אַף מאָרגן, אין רעדאַקציע, פיל איך אַז מען דאַרף אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר, און אַזוי ווי איך זיץ באַגאָסן מיט שווייס, קומט אָן דער דאָקטאָר, מיט אַ מעדיציניש רענצעלע. האָב איך זיך עפּעס פאַר אַן אָוויגנבליק פאַרגעסן די מעשה מיט זיינע לידער, און גיב אים אַ זאָג: גוט וואָס איר זענט געקומען, דאָקטאָר, עפּעס פיל איך זיך ניט „דאָסיק”, אפשר וועט איר מיך עקזאַמענירן, און מיר זאָגן, ווען שטאַרב איך, פון וואָס שטאַרב איך. אָבער זייט אַזוי גוט, און מאַכט עס שנעל, איך דאַרף נאָך ענדיקן דאָס לייט־אַרטיקל, און ווער ווייסט, אפשר טאַקע צוגרייטן דעם הספד איבער זיך אַליין, און איינלאַדן דעם עולם צו דער גרויסער פאָלקס לויה. . . .

גיט ער מיך אַ טאַפּ בא דעם קאָפּ, דערנאָך פילט ער מיין פּולס, און גיט אַ געשריי ווי ניט מיט זיין קול:

„אוי וויי איז מיר . . . פיבער! איר האָט פיבער, פּאַניע רע־דאַקטאָר!” און ער ווערט שטאַרק באַשעפטיקט, און גיט אַ זאָג:

— אַלזאָ, איצטער איז פאַר אייך דאָ קיין פּלאַץ ניט. קומט נאָר, קומט מיט מיר. מיר'ן גיין צו מיר אין אָפּים אַריין, און מיר וועלן אייך ברייגגען אין אָרדנונג. . . . ”

גיב איך אַ טראַכט, טאָמער איז מיר טאַקע באַשערט צו שטאַרבן פון זיין רענצל לידער, לאָמיך שוין בעסער גיין צו אים אין אָפּים אַריין, זאָל ער מיך ריכטיק עקזאַמענירן, און אַ סוף!

אַריינגעקומען צו אים, נעמט דער דאָקטאָר און עפנט מיר אַ פיר־עקיג קעסטעלע, שטעלט אַוועק אַ ביינקל אין מיטן צימער,

הייסט זיך מיר אויסטאָן און זיך אַריינזעצן אין קעסטל. נו, אז אַ דאָקטאָר הייסט, דאַרף מען פאָלגן, האַ? זעט איך זיך, ברייננט ער מיר אַ שיסל קאַלטע וואַסער, הייסט מיר אַריינשטעלן די פיס, פאָלג איך ווידער. אַריינגעשטעלט די פיס, נעמט ער אַ בלעכן דעקל, לייגט עס אַרויף אַפן קעסטעלע, פאַרשליסט מיר די פיס אין קעסטעלע און דעם שליסל באַהאַלט ער בא זיך אין קעשענע.

וואונדער איך זיך שוין אפילו, און הייב אָן צו שטאַמלען: דאָק־טאָר . . . דאָקטאָר . . . דאָס . . . דאָס וואַסער איז עפּעס דאַסיק, ניט וואַרעם גענוג. . . . קאַלט וואַסער, דאָקטאָר. . . .

צעלאַכט ער זיך: „אהא, דער אמת'ער רעדאַקטאָר, אַ גרויסער איבערקלייבער . . . אַלעמאָל איז עפּעס דאַסיק בא אים . . . צו קאַלט, ניט וואַרעם, צו לאַנג, צו דאַסיק . . .״ און דערנאָך לייגט ער צו:— „איצטער, פּאַניע רעדאַקטאָר, זענט איר אין מיינע הענט, זיצט און שווייגט. . . .״

דערווייל כאַפּט ער נאָך אַ בלעכן דעקל, און טוט עס מיר אָן אַפן קאָפּ, און פאַרשליסט מיר דעם קאָפּ אויך אין קעסטעלע. שטעקט מיין קאָפּ אַרויס פון קעסטל, איך קען זיך ניט רירן, ניט בויגן, ניט קנייטשן, ניט אַ דריי צו טאָן זיך. איך זיץ אַ פאַרשלאָ־סענער, טאַקע ווי אין געהאַקטע וואונדן. . . . די מעשה הערט מיר אויף צו געפעלן, נאָר איידער איך עפן דאָס מויל און וויל עפּעס זאָגן, גייט דער דאָקטאָר, צעעפנט זיין רענצעלע, און ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר געזאָגט — עס נעמען זיך באַוויייזן בויגנס, צענדליקע בויגנס באַשריבענע פּאַפּירן. עס שווינדלט מיר שוין פאַר די אויגן, איך זע, עס פליען פּאַפּירן, און איך דערקען שוין די קעפּלאָך — לידער, באַלאַדן, סקיצן, דראַמען — און ער שטייט און איז גרייט צו לייענען אין מיר אַריין. ער פרעגט מיר שוין אפילו ניט, אויב איך וויל הערן. . . . שטעל איך זיך שוין איין דאָס לעבן, און הויב אָן מורמלען:

— דאָקטאָר, עס וועט נישט גיין . . . דאָקטאָר. . . . איך וועל זיך ניט לאָזן. . . . דאָקטאָר, וואָס גייט איר טאָן? דאָקטאָר, האָט רחמנות. איך וועל זיך ניט לאָזן איצט פאָרלעזן, איך האָב קיין כח ניט דאָקטאָר!״

שיסט ער אויס אין אַ געלעכטער: „מענטש, וואָס הייסט, איר

וועט זיך ניט לאָזן, איר זענט דאָך אַ פאַרשלאָסענער, אין מיין קעס־טעלע. בעסער בונטעוועט זיך ניט, איך הייב אָן צו לייענען. זיצט רואיק!....״

פּרוביר איך זיך ראַנגלען, איך בעט זיך: דאָקטאָר, עקזאַמינירט מיך, און לאָזט מיך גיין אהיים. איך בין קראַנק, דאָקטאָר!!!

— וועמען עקזאַמענירן, אייך? איר זענט קראַנק? איר זענט געזונט ווי אַ בער! זיצט און שווייגט, איך לייען!

מאַך איך שוין מיט אים אַ פּשרה:

— נו, גוט, איין ליד, לייענט פאַר!

— אָבער אַז מען פרעגט בא אייך אינגאַנצן ניט. איר זיצט און שווייגט, טומלט ניט!

און ער נעמט זיך צו דעם באַרג פּאַפּיר פון רענצל. עס איז מיר היים, איך שוויץ, איך דריי זיך, עס באַפאַלן מיך אנגסטן, עס גיסט זיך פון מיר שוויים, און איך קאָרטשע זיך. די לידער זענען דער אמת׳ר סם המות, ביטער ווי דער טויט, חלשות, גרינע גאַל, ווערים קריכן מיר איבערן גוף, און עס נעמט קיין סוף ניט. דער זייגער שלאָגט צוועלף, איינס, עס איז שוין ווידער זעקס, פאַרנאַכט; עס האָט מיר שוין אָפּגענומען הענט און פיס, ערשט ער צעעפנט אַ קאַסטן — אַ קליידער קאַסטן — און עס פאַלט אַרויס אַ באַרג מיט פּאַפּיר: דראַמען, ראָמאַנען. קלייב איך צענויף דאָס לעצטע ביסל כחות, און נעם שרייען: „דאָקטאָר, האָט רחמנות, שוין ליבערשט דער טויט. גיב מיר אַביסל סם, און אַן עק זאָל עס נעמען! איך שטאַרב, דאָקטאָר!!!״

טרייסט ער מיך: „שלעכטער מענטש, וואָס איר זענט! וואָס ציטערט איר אַזוי? איך וועל אייך ניט דער׳הרג׳ענען, ניט פאַר׳סמ׳ען, איך וועל אייך נאָר אויסלייענען דעם קאַסטן ראָמאַנען און דראַמען . . . וויטער גאָרניט . . . זיצט רואיק.״

וויל איך זיך כאַפּן פאַר׳ן קאָפּ, זענען מיר פאַרשלאָסן די הענט. וויל איך שפּרינגען פון פענצטער, זענען מיר די פיס איינגעקאָוועט אין דער שיסל. נעם איך שוין וויינען מיט ביטערע טרערן:— נאָר ניט לייענען, בעסער גיט מיר אַספּערין, סטריכענין, פּאַריז גרין, דאָקטאָר, טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, נאָר הערט אויף לייענען. עפנט דאָס קעסטל, דאָקטאָר!״

— הערט זשע אוים, גוטער ברודער, רופט זיך צו מיר אָן דער דאָקטאָר — שוין אַריבער אַ יאָר אַז איך גיי אייך אַלע טאָג נאָך אין דער רעדאַקציע, ווייל אייך פאַרלייענען מיינע ווערק, און אַלע־מאָל האָט איר זיך אויסגעדרייט פון מיר אַף אַ קונציקן אופן; איצטער, גוטער ברודער, איז מיין „שאַנס", איך וועל אייך דאָ אַריינלייענען אַלץ וואָס איך האָב אָנגעשריבן מיין גאַנצן לעבן. בעסער שווייגט, וועלן מיר אַמאָל קענען פאַרטיק ווערן און ענדיקן....״

דערהערט אַזעלכע קלאָרע דיבורים, האָב איך דאָך שוין איינ־געזען, אַז דאָס איז אַן אמת'ע אינקוויזיציע, האָב איך אָנגעהייבן טענה'ן: — איך האָב אַ ווייב מיט קינדער, איך וועל זיך רירן פון זינען, לאָזט מיר כאָטש אָנשרייבן אַ צוואה, איידער איך פאַרליר מיין פאַרשטאַנד! לאָמיך זיך כאָטש געזעגענען מיט דער וועלט, מיט מיינע לייענער, ווי עס דאַרף צו זיין!!!!״

— איך שווייגט ניט? האָט דער דאָקטאָר מיך גענומען סטראַשען? טאָמער זיצט איר ניט רואיק, נעם איך און רוף אָפּ אַן אַמבולאַנס, און פּאַק אייך גלייך אַריין אין אַ משוגעים הויז, און מאַך אייך אוים רעדאַקטאָר!!!!״

דערהערט אַזעלכע קלוגע ווערטער, ווייס איך ניט ווי עס האָט זיך צו מיר גענומען כח, און מיט אַלע קרעפטן האָב איך זיך אַ ריס געטאָן מיט'ן קעסטל אַף זיך צו דער טיר. איז אָבער די טיר אויך געווען פאַרשלאָסן. האָב איך מיט'ן קעסטל אַפן קאָפּ דורכגעבראָכן אַ פענצטער, און אין גאַס אַריין ... מיט'ן קעסטל אַף זיך. גיין קען איך ניט, שטיי איך אין מיטן גאַס אַ פאַרשלאָסענער. איך גיב אַ קוק, ער שטייט לעבן מיר, און לייענט נאָך אַלץ!

*   *   *   *

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך בא מיר אין דער היים, מיט אַ פוכיר אייז אַפן קאָפּ, אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער איז געזעסן לעבן מיר, ברייינגען אַ דאָקטאָר איז געווען צו געפערלאַך — עס וואָלט געווען אָדער זיין טויט, אָדער מיינער....

— איך לאָז מער ניט צו קיין דאָקטאָר צו זיך — האָב איך ניט אויפגעהערט צו שרייען, — איך ציטער פאַר אַ דאָקטאָר — און פאַר אַ באַקאַנטן דאָקטאָר? ... טויזנט מאָל ערגער פון אינקוויזיציע....

צרות פון מיינע „מיטאַרבעטער“

די מעשה איז שוין אַלט אַ פּאָר יאָר, אָבער איך קאָן עס ניט פאַרגעסן, ווי אַ מענטש נעמט אויף זיך אַליין אַ פּעקל צרות, און איבער וואָס? איבער נאַרישקייטן — איבער מיינע „מיטאַרבעטער“, בעסער געזאָגט, מיינע פּסעוודאָנימען.

האָט פּאַסירט, אַז איך בין געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון אַ „קאָונטרי“ צייטונג, און מיין קאָנטראַקט האָט געפאָדערט, אַז איך, דער רעדאַקטאָר, דאַרף אַליין צושטעלן אַלע מיטאַרבעטער אויף מיין אייגענעם חשבון, און אין מיין „סטעף“ דאַרף זיין אַ סקיצן שרייבער, אַ פּאָעט, אַ ראָמאַניסט, אַ פּעליטאָניסט, אַ שרייבער פאַר אַ לייט־אַרטיקעל און אַ נייעם שרייבער.

מיין באַלעבאָס, דער אַרויסגעבער, האָט זיך ניט געמישט אין מיין אַרבעט, ביז די צייטונג פלעגט פאַרטיק ווערן. דערנאָך האָט ער איבערגעקוקט די קעפּלאַך, די נעמען פון די שרייבער און דאָס איבעריקע איז אים ניט אָנגעגאַנגען.

מיינע שכירות זיינען געווען אַכצן און אַ האַלב דאָלער אַ וואָך. פּלעג מיך אַ גאַנג און גיי צאָל האָנאָראַר צו אַ האַלב טוצענט שרייבער! . . . בין איך געפאַלן אויף אַ פּלאַן. איך האָב זיך אוועקגעזעצט און האָב מיר צוגעטראַכט אַ האַלב טוצענט נעמען, פּסעוודאָנימען. אַזוי ווי מיין טאַטע האָט געהייסן אַזוי און אַזוי, בין איך דאָך זיינער אַ זון, האָב איך דעם ערנסטן אַרטיקל אונטערגעשריבן „דעם טאַטענס זון“. אַזוי ווי מיין שטעטל האָט געהייסן: ס., האָב איך אָנגעהייבן צייכענען די פּעליעטאָנען: „אַ ס—ווער“. לידער? ווער קען עס ניט שרייבן קיין לידער? וואָס זשע דען — מען דאַרף אַ נאָמען, — האָב איך די לידער אונטערגעשריבן: „חוזק“. אַ ראָמאַן איז דאָך זיכער אַ נאַרישקייט, אַ גרויסע קונץ צו שרייבן אַ ראָמאַן? האָב איך אַ טראַכט געטאָן: אַזוי ווי איך האָב אַ ווייב, און איר מיידלשער נאָמען איז געווען אַזוי און אַזוי, האָב איך אונטערן ראָמאַן זיך אונטערגעשריבן מיט איר מיידלשען נאָמען.

זעקס־און־פּערציק

זיץ איך מיר על כסא הרעדאקטאר, האב מיר א גרויסן טיש מיט עטלאכע בענקלאך — א בענקל פאר יעדן „מיטארבעטער", און איך אליין בין דער מושל איבער מיינע פסעוודאנימען און איך דרוק א צייטונג, אז עס איז א מחיה. קיינער בונטעוועט זיך ניט, „אלע" ארבעטן הארמאניש, אלץ לויט מיין געשמאק. עס איז א פארגעניגן. . . .

מיטאמאל אבער האט זיך אויף מיר אויסגעגאסן גאטס צארן . . . עס לויפט אריין א פאליציסט צו מיר אין רעדאקציע און דערלאנגט מיר א פאפיר פון געריכט. איך נעם לייענען, ווערט מיר פינצטער אין די אויגן: מיין אייניקל האט אנגעהוליעט אין די קאפייען און קאבארייען עטלאכע הונדערט דאלער, און אזוי ווי ער איז א יתום און האט אנגעגעבן, אז איך בין זיין זיידע, בכן פאדערט דאס געריכט, אז איך זאל סילוקן זיינע חובות, אדער — דאס געריכט וועט גאראנזשירן מיינע שכירות אין דער רעדאקציע.

— סטייטש, איך האב נאך אויף מיין לעבן קיין אייניקל ניט געהאט! . . . נאר דאס געריכט ווייזט מיר אן, אז אזוי ווי איך בין „חוזק", און יענער איז „חוזק'ס אייניקל" (אזוי שרייבט זיך יענער אונטער), בכן, העלפט דא ניט קיין טענות און דאס געריכט געפינט אז איך בין דער זיידע און מוז צאלן. . . .

דערווייל האט זיך א קאנקורענט פון דער צייטונג באנוצט מיט דער דאזיקער געשיכטע און דערציילט פאר דער שטאט, אז דער „בארימטער רעדאקטאר „חוזק" איז א הארצלאזער, אן אומבארמ־הארציקער מענטש, אז ער וויל זיין אייגענעם „אייניקל", דעם יתום, ניט געבן צום לעבן, און מען מוז קעגן דעם „זיידען" פירן געריכט פראצעסן." . . .

האבן זיך מישב געווען מיינע ארויסגעבער און האבן גע־סילוקט אין געריכט די סומע און מיר עס ארונטערגענומען פון די שכירות און דערביי גע'טענה'ט, אז זיי טוען מיר נאך א גרויסע טובה און ראטעווען מיך פון א צרה.

טאמער איז אייך ניט גענוג, קומט מיר אן א פאק מיט „בילס" פון א „דעפארטמענט סטאר":

— אזוי ווי מיין פרוי שרייבט ראמאנען אין דער צייטונג, הייסט עס דאך, אז זי האט אן איינקונפט, איז שטיצנדיק זיך דערויף, איז

איר קרעדיט געווען גוט, האָט מען איר געגעבן קרעדיט אויף נײַנ־ציק טעג. איצט זאָל איך אַזוי גוט זײַן און אָפּצאָלן די הונדערט און זעכציק דאָלאַר, און אַז ניט, וועט די „דעפּאַרטמענט סטאָר" גאַ־ראַנזשירן מײַנע שׂכירות.

קען איך דאָך ניט גיין דערציילן דעם „דעפּאַרטמענט סטאָר", אַז מײַן פרוי האָט ניט קיין איינקונפט, סײַדן אַז איך פאַרגעס עפּעס אַרויסצונעמען פון מײַנע קעשענעס איידער איך גיי שלאָפן . . . האָט ניט געהאָלפן — איך האָב געמוזט גוט מאַכן אויך מיט דעם „דעפּאַרטמענט סטאָר" . . . און וואָס מער איך האָב גוט געמאַכט, אַלץ גרעסערע חובות האָט מײַן ווייב געמאַכט אַלע דרײַסיק, זעכציק און נײַנציק טעג . . .

דערווײַל העלפט גאָט, אַז מײַנע לאַנדסלײַט קויפן אַ „סעמע־טערי" אויף דעם נאָמען פון זייער שטעטל און זיי דאַרפן געבן „רעפערענסעס" און גיבן מײַן נאָמען. אַזוי ווי איך שרייב זיך אונטער „אַ ס—אָווער", איז וואָס זשע דאַרפן זיי האָבן בעסערע „רעפערענ־סעס" ווי איך?

גייט אַוועק אַ האַלב יאָר און קיינער פון די ס—אָווער לאַנדסלײַט וויל ניט שטאַרבן . . . ממש די ערד האָט זיך פאַרשלאָסן אויף אייביק. . . . דערווײַל פאַלט צאָליק אַ וועקסל, איז זיך די באַנק מישב און לייגט אַוועק אַ גאַראַנזשי אויף מײַן קאָנווערטל מיט די עטלאַכע דאָלאַר. . . . אויף אַזאַ אומגליק, אַז מענטשן זאָלן אינ־גאַנצן ניט שטאַרבן, האָב איך זיך אַליין ניט געריכט! . . .

בקיצור, האָב איך גענומען און צעטיילט מײַנע אַכצן דאָלאַר אויף אַזאַ וועג: „חוזק'ס איניקלס" בעלי חובות, פינף דאָלאַר אַ וואָך; אויף „דעפּאַרטמענט סטאָרס", וואָס איך שעם זיך זיי אויסצו־זאָגן, אַז מײַן פרוי האָט ניט קיין איינקונפט און איר קרעדיט טויג ניט, זיבן און אַ האַלב דאָלאַר אַ וואָך; פאַר דער „סעמעטערי" פון די ס—אָווער, וואָס ווילן ניט שטאַרבן און עס איז ממש בלע המות לנצח, פינף דאָלאַר אַ וואָך . . . איז מיר איבערגעבליבן פונקט 50 סענט אַ וואָך, און איך האָב זיך געפרייט, וואָס מער קיין אומגליק קען מיך שוין ניט טרעפן, מחמת וואָס וועט מען ביי מיר נעמען? . . .

נאָר אַז עס איז מיר באַשערט צרות פון מײַנע „מיטאַרבעטער", העלפט גאָט און עס דרוקט זיך אָפּ מײַנס אַ ליד, טאַקי פון די לידער, וואָס איך צייכן „חוזק", אין אַ גאַליציאַנער צײַטונג. ניט מער,

דער איד, איז געווען פויל אונטערצושרייבן „חוזק" און זיך אונטער־געשריבן „געציל". לאָך איך: הפּנים אַ גוט ליד, אַז עס געפינט זיך נאָך אַ בעלן דאָס צו גנב'ענען . . . געפעלט מיר די מעשה. און אזוי איינמאָל, און צוויי מאָל, און דריי מאָל.

אויף דער פערטער וואָך קומט מיר אָן ווידער אַ צייטונג פון גאַליציען, לייען איך אַ פּראָטעסט:

„אידן פון אמעריקא. דערלאָזט ניט, אַז מען זאָל באַ'גזלנ'ען אַן אָרימן גאַליציאַנער אידישן שריפטשטעלער! דער אזוינער און אזוינער, דער מישטיינס געזאָגט אויך מיר רעדאַקטאָר, באַראַבע־וועט מיך! . . . ער דרוקט מיינע לידער אין יעדן נומער און ער איז מיר שוין שולדיק אַן אוצר מיט געלט. . . . אידן, ראַטעוועט מיך! זעט דערלאָזט ניט, אַז עס זאָל קומען צו אַ סקאַנדאַל! . . . בעסער זאָל ער מיר אָפּצאָלן מיט גוטן. . . . איך בין שוין זיינער אַ מיטאַרבעטער פאַר די לעצטע עלף חדשים און ער האָט מיר נאָך קיין איין „טולער" ניט געשיקט! . . . זאָל ער מיט מיר „צעטלען" באַטש פאַר הונדערט „טולער"! . . .

גע'חתמ'עט: „געציל פון גאַליציע".

אַז איך בין ניט געפאַלן אין חלשות, האָב איך ניט קיין טבע פון חלשן, נאָר עס איז מיר אזוי ניט גוט געוואָרן, אַז איך האָב געכאַפּט די שער, צעהאַקט די קעפּ פון אַלע מיינע „מיטאַרבעטער", וועמענס אַרטיקלען, סקיצן, לידער, ראָמאַנען עס זיינען געשטאַנען אויפגעזעצט אין דער רעדאַקציע פאַרטיק צו גיין צום דרוק, און איך האָב געזאָגט דעם אַרויסגיבער, אַז ער זאָל זיך זוכן אַ נייעם רעדאַק־טאָר מיט אַ נייעם „סטעף" מיטאַרבעטער. איך קאָן שוין ניט! . . . איך קאָן מער ניט אַריבערטראָגן פון די אידישע שרייבער, מיינע „מיטאַרבעטער", וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף מיר און זויגן מיין בלוט פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס איך בין אָנגעקומען צו אייך אין דער רעדאַקציע. נאָט אייך אָפּ דעם האַלבן דאָלאַר פון דעם היינטיקן קאָנוועדטל און לאָזט מיך אָפּ! . . . איך דאַרף ניט קיין צייטונג, איך וויל ניט קיין „מיטאַרבעטער"! . . . איך וועל בעסער שוין אַליין ווערן ביי זיי אַ מיטאַרבעטער . . . אפשר וועל איך אמאָל אויך אַרויסקריגן פון זיי אַ פינפערל. . . .

אין משוגעים - הויז

— נעמט אוועק די ראדיאָ! גענוג! איך וויל ניט קיין מוזיק! איך האָב ניט קיין לאונדרי! וואָס האָט איר צו מיר? . . . הערט מיר אויף זינגען פון „אָלד דאַטש"! . . . ניין, איך בין ניט משוגע, איך ווער שוין קלאָר, נאָר טוט מיר אַ טובה און נעמט צו די ראדיאָ פון מיין צימער! . . . נעמט אוועק די „לאונדרי"-מוזיק און די וואש-ברעטלאך! . . .

— ווי עס האָט זיך אָנגעהייבן? מיין ווייב האָט געוואָלט מוזיק! . . . זעקס אין דער פרי, איך שטיי און ראזיר זיך און די ראדיאָ טאראַרייקעט מיר שוין אין קאָפּ אריין:

„גוד מאָרנינג, עווריבאדי! דהי אָלד דאַטש גוירל איז ספּיקינג!" . . .

אַ גליק האָט מיך געטראָפן: „דהי אָלד דאַטש גוירל" איז אַזוי אויך שיין, אַז מ'קען נעמען ברעכן, נאָר אַז זי נעמט „בראָדקעסטן" די הייליקע, פּאָעטישע ארבעט, פון „אָלד דאַטש", פיל איך, אַז מור-ראשקעס קריכן מיר איבערן לייב, און איך אַנטלויף פון הויז.

קום איך אהיים עסן — ווידער די ראדיאָ: מיין ווייב האָט ליב מוזיק . . . און די ראדיאָ שפּילט: „מר. יאַכנעטשיק האָט אַ „סייל" אויף שמאַלץ-הערינג. מר. קאָבעבע פּארקויפט לאַקרעצפּלעצל, און האָצע-קלאָץ וואַשט איבער די „לאונדרי" אַזוי ריין, אַז עס איז חידושים! . . . און מיין ווייב האָט קיין צייט ניט און זי איז אַזוי פארנומען, אַז זי מוז אַלץ וויסן, — און איך טאָר איר ניט איבער-שלאָגן. ווער איך שוין אַזוי נערוועז, אַז איך אַנטלויף אָן עסן, אבי פּטור צו ווערן פון דער אַנשיקעניש, פון דער ראדיאָ.

נאָר די אמת'ע צרות הייבן זיך אָן ערשט אויפדערנאַכט. וואו נאָר ערגיץ אַ הייזעריקע שטימע, הייבט זי מיר אָן גרילצן און דער-ציילן נייעס, אָנזאָגן גוטע בשורות — גיט מיר מציאות אין מעבל, אין „גראָסערים" — אַז איך קען ניט פּטור ווערן. כאַטש נעם די ראדיאָ און וואַרף זי אַרויס דורכן פענצטער. . . .

פּופּציק

נאָר נעכטן אַפּדערנאַכט, אַז איך האָב דערהערט, אַז אימיצער שרכנ׳ט מיר שוין אַ „לאַט" אויף דער „סעמעטערי", בזה הלשון:

— גוטן אָוונט, מר. ראַדיאָ צוהערער! די צייטן זיינען ביטערע, ניטאָ קיין אַרבעט. דער ווינטער קומט און „רענט" איז אַזוי אויך טייער — איז אָבער ניט געזאָרגט, גוטער ברודער! צו וואָס דאַרפט איר לעבן און זיך מאַטערן, אַז פאַר פינף־און־זיבעציק דאָלער מאַכן מיר אייך אַן ערשטע קלאַס „פיונעראַל" מיט אַ הספד, מיט אַ „קערידזש" פאַר אייער אַלמנה און מיט אַ רעווערענד, וואָס וועט אייך מאַכן אַן „אל מלא רחמים", אַז דער הימל וועט וויינען, און מיט אַ חברה משניות, און אַ חברה קדישא, אַזוי ווי ביי אייך אין יעהופּעץ; שטאַרבט, גוטער ברודער, און מאַכט אַ סוף צו אייערע ביטערע צרות — בלע המות לנצח ונאמר אמן . . . " — אַז איך האָב דאָס דערהערט, האָט זיך מיר אָנגעהייבן מישן אין קאָפּ, איך האָב אָנגעהייבן ציען די דראָטן פון דער ראַדיאָ. . . . די דראָטן זיינען שוין געווען איבערגעהאַקט, און די ראַדיאָ זאָגט נאָך אַלץ רבנן קדיש: „על ישראל ועל רבנן. . . . " אַ „סעמפּל" ווי גוט עס איז צו ליגן און פוילן אין דער ערד. האָב איך גענומען ברעכן טיש און בענקלאַך און אַלץ איז געפלויגן דורכן פענצטער: די ראַדיאָ, דער „אייזבאָקס", די לאָמפּן, דאָס בעט־געוואַנט — איינמאָל פאַר אַלע־מאָל: אויס מיט דער ראַדיאָ! אויס מיט אַלץ!

* * * *

דערנאָך האָב איך אַליין גערופן אַן אַמבולאַנס און האָב זיך געהייסן אָפּפירן אין משוגעים־הויז. נאָר וואָס קומט מיר אַרויס, אַז איך קען ניט פּטור ווערן פון דער ראַדיאָ . . . זי הערט ניט אויף מיר צו דערציילן ווער עס וואַשט „לאָונדרי", ווער ער פּאַרקויפט וואַש־ברעטלאַך, און ביי וועמען מ׳קריגט „סעמעטערי לאָטס" און „קאַסטאָר אָיל", און לאָקשן־קוגל", און געפּליקטע פעדערן, און מאַטראַצן, און דערצו נאָך מיט מוזיק, מיט אַן אָרקעסטער — נעמט צו די ראַדיאָ, איך בעט אייך, ווייל איך פיל, אַז עס מישט זיך מיר שוין ווידער אין מח. . . . נעמט צו די ראַדיאָ, מערדער, וואָס איר זענט! . . . נעמט איר אַוועק! . . . עפנט מיר אַ פענצטער! . . . אַ סוף זאָל עס נעמען! . . .

אײן־און־פופציק

גאָט צו דאַנקען, ער מאַכט אַ לעבן

אַלע מאָנטיק און מיטוואָך פּלעגט קומען דער איד צו מיר אין רעדאַקציע, איך זאָל אים טאָן אַ טובה און אים גיבן אַן עצה — ער האָט אַ ווייב מיט זעקס קינדער, און דאַרף פּרנסה.

— וואָס וויל איך דען? איר מיינט איך וויל אַ סך? אויטאָמאָבילן מיט שאופערס? ניין. איך וויל ברויט מיט פּוטער פאַר מיין ווייב און קינדער.

— דאָס איז ניט קיין צופיל פאַרלאַנגט, שטים איך איין, פּונקט ווי עס וואָלט געלעגן אין מיינע הענט, איך זאָל צוגיין אַלע וואָך צו דער שאַפע, אָדער עפענען אַ טיש־קעסטל און זאָגן: „נאַ, אָט האָסטו דיר פאַר היינטיקער וואָך ברויט מיט פּוטער פאַר ווייב און קינדער; אין אַ וואָך אַרום וועסטו קומען וועל איך דיר גיבן נאָך. . . .“

— אַיאָ, ניט קיין סך? פרעגט איבער דער איד, מיט אַ לעקעשעוואַטן אָנשטעל, אַז עס איז אַ רחמנות אַ קוק צו טון אויף אים.

— געוויס, איז ניט קיין סך. יעדער איד האָט געמעגט האָבן ברויט מיט פּוטער פאַר זיין ווייב און קינדער — ענטפער איך אים.

— נו?? פאַרענדיקט דער איד, און מאַכט אַן אָנשטעל, ווי איינער רעט, לאָמיר זשע עס זען!

— וואָס, נו? פרעג איך אים איבער?

— אָבער אַז עס פעלט מיר ניט נאָר ברויט מיט פּוטער? ווי איז דער דין, אַז איך האָב קיין „רענט“ אויך ניט. און אַז די ווייב און קינדער האָבן ניט קיין העמד אפ׳ן לייב, און קיין שיך און זאָקן אויך ניט? און עס קומט שוין דעם גראָסערי מאַן פאַר צען וואָכן „גראָסעריעס“? איז שוין אַ רעדע פון פּוטער צום ברויט, הא?

— שלעכט, זייער שלעכט — שטים איך איין מיט אים — גאָר ניט גוט!“

צוויי־און־פופציק.

שטייט דער איד איבערגעבויגן לעבן מיין שרייב טיש, פיל איך אז איך וועל שוין אזוי גיך פון אים ניט פּטור ווערן. זאָג איך צו אים: איז וואָס זשע ווילט איר פון מיר? . . .

— וואָס הייסט, וואָס איך וויל? וואָס זאָל איך וועלן? איך וויל אַן עצה.

— אַן עצה איז נאָך ניט אזא שווערע זאַך — שמייכל איך.

— ווערט אַ מלמד. לערנט אידישע קינדער — ווייס איך . . . לעזן, שרייבן, דאַוונען — אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער וועט איר מאַכן!

דאַנקט ער מיר אָפּ זער שיין — איר זענט טאַקע גערעכט, איך רעכן אז מען דאַרף ווערן אַ מלמד, אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער, וועט מען מאַכן.“ און ער געזעגנט זיך; און איך טראַכט מיר: גאָט צו דאַנקען, ער וועט שוין מאַכן אַ לעבן.

עטלאכע טעג שפּעטער, ער איז שוין ווידער דאָ.

און פונקט ווי פריער: „וואָס וויל איך דען? אַן אויטאָמאָביל מיט אַ שאָופער? אייגענע הייזער מיט פּאַלאַצן? אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער פאַר ווייב און קינדער!“

טו איך אים ווידער אַ טובה און לייג צו:

— דאָס איז ניט קיין סך? דאָס אַלעס? ברויט מיט פּוטער, מעגן אַלע אידן האָבן פאַר ווייב און קינדער. . . .

האָט ער אַ פּנים שוין אַן אויסגעלערנט לידל אַף אויסווייניק, און ער לייגט מיר ווידער צו דעם וויינענדיקן ניגעלע:

— נו? ווי איינער רעט: ווי זשע נעמט מען ברויט מיט פּוטער? און ער זינגט מיר אַ לידעלע:

— אז בסך הכל קרענקט די ווייב צו צוביסלאַך, און אַלע טאָג דאַרף מען טראָגן אַ דאָלאַר אין אַפּטייק אַריין, און דער דאָקטאָר וויל אויך אַמאָל זען אַ דאָלאַר. יאָ, און עס קומט שוין פאַר דריי חדשים „גראָסעריעס“. . . .

— וואָס איז געוואָרן פון אייער מלמדות? פרעג איך אים.

— וואָס איז געוואָרן, פרעגט איר? גאָרניט, מען צאָלט ניט.

איך לערן, אָבער קיין דאָלאר שכר לימוד קען מען ניט דערלעבן צו זען. . . . "

— בקיצור, זאָגט דער איד — איר מוזט מיר גיבן אַן עצה. איך דארף ברויט מיט פוטער, און איך מוז פּטור ווערן פון דעם מלמדות."

— אַן עצה, איז נאָך ניט אזא שווערע זאַך, טראַכט איך — ווייסט איר גאָר וואָס, ווערט גאָר אַ „רעוורענד". עס מאַכט זיך אַמאָל אַ חתונה, אַמאָל אַ ברית, אַמאָל אַ לויה — אַ שטיקל ברויט מיט פּוּ־טער וועט איר מאַכן פאַר ווייב און קינדער — רעד איך אים איין, און ער לאָזט זיך איינרעדן.

— איך רעכן אַז עס איז אַ גאַנץ קלוגע זאַך — שטימט ער איין מיט מיר, און ער גייט זיך אַוועק. דאַנק איך ווידער גאָט — ער וועט שוין מאַכן אַ לעבן.

גייט אַוועק אַ פּאָר וואָכן, מיין איד איז ווידער דאָ.

— שוין פּרובירט זיין אַ רעוורענד אויך — זיפצט ער — איז אַף מיין מזל האָבן אַלע אידן זיך אַרויסגעצויגן פון דעם אידישן געגנט, און זענען געוואָרן יאַהודים, דאַרף מען שוין ניט קיין רעוורענד. . . און וואָס וויל איך דען—אַן אויטאָמאָביל מיט אַ שאָופער, הייזער מיט פּאַלאַצן, ברילּיאַנטן מיט דימענטן? איך וויל דאָך מער ניט ווי אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער פאַר ווייב און קינדער? און ער פאַר־ענדיקט ווי אַלעמאָל מיט אַ וויינענדיק נוסח׳ל:

— נו! וואָס זשע זאָגט איר? איך דאַרף דאָך מאַכן אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער פאַר ווייב און קינדער!"

— געוויס, געוויס דאַרפט איר! איך זאָג אַלעמאָל אַז איר דאַרפט מאַכן אַ לעבן. אַלע דאַרפן מאַכן אַ לעבן!

בין איך געפאַלן אַף אַ פּלאַן — האָב צונויפגעזאַמלט עטלאַכע דאָלאַר צווישן פריינט, און האָב עס אים דערלאַנגט, מיט אַן עצה:

— דאָ האָט איר אַביסל געלט, גייט געזונטערייט, עפנט זיך אַ שטיקעלע „גראָסערי", ווי די זאַך זאָל ניט זיין, ברויט מיט פּוטער וועט איר האָבן צו פאַרקויפן, וועט אייך שוין קיין ברויט מיט פּוטער פאַר ווייב און קינדער ניט פעלן.

האָט ער מיר אָנגעווינטשעוועט אייביקעס לעבן, מיר אָפּגע־

דאנקט פיין, שיין, און איך טראכט זיך — גאָט צו דאנקען, ער וועט שוין האָבן ברויט מיט פּוטער, און וועט שוין מאַכן אַ לעבן. . . .

פונקט צום חודש, ער איז דאָ, און ער האָט צו מיר די אייגענע טענה ווי אַלעמאָל:

— וואָס מיינט איר וויל איך פון אייך — אַן אויטאָמאָביל, אַ שאָפער, אַן אייגענע הויז, אַ פּאַלאַץ, דימענטן מיט בריליאַנטן? אָסור מיר. איך וויל ניט מער ווי אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער פאַר מיין ווייב און קינדער, דאָס אַלעס און מער גאָרניט!

— גזלן, איר האָט דאָך אַן אייגענע „גראָסערי סטאָר“, איז אייך ווינציק ברויט אין „סטאָר“?

זיפצט ער:—וועט האָט שוין אַ גראָסערי סטאָר? די „טשיין־סטאָר“ האָט שוין געעפנט אַ סטאָר די דריטע וואָך, און די „טשיין“ פאַרקויפט ביליגער ווי איך קויף אין „האָלסייל“, היינט ווי קען איך האַלטן אַ גראָסערי? איך האָב שוין אויפגעגעסן די גראָסעריעס, דאָס ברויט מיט דער פּוטער, און צוגעמאַכט די סטאָר.

און איך טראַכט מיר: איצטער וועט ער מן הסתם באַלד פאַר־ענדיקן די מעשה מיט אַ — נו?

וויל איך אים פאַרלויפן דעם וועג, און טראַכט — איך וועל בעסער אים פרעגן — נו — איידער ער זאָל מיך ווידער פרעגן. . . .

זענען מיר זיך אָבער ביידע אריינגעפאַלן אין די רייד אריין מיט דעם באַקאַנטן „נו“? — ניט מער, ער האָט צוגעלייגט: „אַן עצה, איר מוזט מיר ווידער גיבן אַן עצה. איך מוז עפּעס נעמען טאָן, איך מוז מאַכן אַ לעבן, און גיבן ווייב און קינדער אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער.“

האָב איך געזען אַז עס איז אַ מעשה אָן אַ סוף, אַז צו וואָס ער נעמט זיך, גייט באַלד אונטער זיין געשעפט, און איך קען פון אים ניט פּטור ווערן — ער איז דאָ צוריק, און דולט מיר אָן אַ ספּאָדיק מיט זיין ווייב און קינדער, מיט דעם שטיקל ברויט מיט פּוטער, און פאַרענדיקט מיט אַ: „נו“, און דער „נו“ קריכט מיר שוין פון האַלדז. . . .

בין איך געפאַלן אויף אַ פּלאַן: איך וועל אים דערלאַנגען אַ צעטל מיט פּרנסות, עטלאַכע מיט אַמאָל, און זאָל ער זיך גיין געזונטערייט,

און ניט צוריקקומען ביז ער וועט ניט אויספּרובירן אַלע פּרנסות....

האָב איך אים אויסגערעכנט אַ גרויסן לאַנגען צעטל, אַלערליי געשעפטן, איז ער אָבער שוין קלוגער געוואָרן, און האָט שוין אויף אַלעם אַ פּאַרטיקן תּירוץ: „דריי גודס" טויג ניט, מענטשן האָבן היינט ניט קיין געלט אויף „דריי־גודס", טראָגן זיי אַלטע זאַכן.

— אַ קלייט פון אַלטע זאַכן, וואָלט יאָ אפשר געווען אַ גוט געשעפט, נאָר ניט אין אַזאַ ביטער יאָר. וועלכער משוגע'נער וועט עס גיין פאַרקויפן אַלטע זאַכן? אַז מען פאַרקויפט די אַלטע זאַכן, דאַרף מען דאָך האָבן נייע זאַכן, פאָלג מיך אַ גאַנג...."

בקיצור, נאָך דעם גאַנצן צעטל פּרנסות, איז ער ערשט געבליבן הייגנען איבער מיין שרייב־טיש; און אין דער לופטן, פיל איך — אָט, אָט, און ער וועט מיך ווידער אַטאַקירן מיט דעם באַקאַנטן נוסח'ל, און מיט אַ ניגעלע:

— נו?

פאַרלויף איך אים דעם וועג און גיב אים אַ זאָג:

— הערט זשע אויס, נאָך איין פּרנסה, האָב איך פאַר אייך. נאָר איר זאָלט מיר ניט פאַרלויפן דעם וועג און מיר ניט זאָגן קיין תּירוץ, ווייל עס איז די בעסטע פּרנסה, און ווער עס נעמט זיך צו דעם, איז גאָט צו דאַנקען, מען מאַכט אַ לעבן. איך לאָז אים ניט רעדן, און פאַרענדיק:

— ווערט אַ קברות מאַן, אַן „אַנדערטייקער", איר פאַרשטייט, אַלע שטאַרבן, עס איז נאָר אַ פראַגע, ווער פריער, ווער שפּעטער. אָבער עס איז אַ גוט געשעפט!

טראַכט ער ניט קיין סך, און רופט זיך אָן צו מיר:

— נו?

איז מיך שוין באַפאַלן אַ ניט־גוטקייט פון אים....

— נו, וואָס? פרעג איך אים. וואָס ווילט איר?

— זייט זשע אַ גוטער און גיט מיר עפּעס אַ פּאָר ריכטיקע מתים, טאָקע שוין באַלד אַפ'ן אָרט, אַז איך זאָל האָבן אַ שטיקל ברויט פאַר ווייב און קינדער!"

אַז איך האָב דאָס דערהערט, בין איך אַוועקגעפאַלן אין חלשות.

זעקס־און־פופציק

איידער איך האָב אינגאַנצן צוגעמאַכט די אויגן, האָב איך דער־פילט ווי דער איד נעמט מיך אויסציען אויף דער ערד, און פרייט זיך, ער מיינט אַז איך בין שוין טויט.

— גאַט צו דאַנקען — רעט ער צו זיך אַליין — גאַט צו דאַנקען, עס איז שוין דאָ דער ערשטער מת. גאָט צו דאַנקען, מען וועט שוין מאַכן אַ לעבן . . . אַ גאָלדענע ביזנעס „אַנדערטייקער", קברות מאַן. די בעסטע געשעפטן אין דער וועלט מאַכן די קברות-לייט." און ער האָט זיך געכאַפּט אָנקלינגען נאָך אַ טויטן־וואָגן.

פאַר שרעק אַז ער זאָל מיך ניט באַגראָבן אַ לעבעדיקן, בין איך אויפגעשפּרונגען און אין איין אויגנבליק אים אַרויסגעוואָרפן פון רעדאַקציע.

פון דעמאָלט אָן קומט דער איד שוין מער צו מיר ניט. אָבער ער איז געוואָרן אַ קברות-מאַן, און — גאָט צו דאַנקען — ער מאַכט אַ לעבן. ער רעט שוין מער ניט פון קיין ברויט מיט פּוטער, ער האָט שוין אַן אויטאָמאָביל מיט אַ שאָופער, מיט אַן אייגענער הויז, דימענטן מיט בריליאַנטן — גאָט צו דאַנקען, ער מאַכט אַ לעבן. . .

דער אידישיסט

פֿאַראַן היינט שוין אַ וועלט מיט אידישיסטן, נאָר ער — איז אַן אָנשיקעניש, אַ קרבן פֿון אידיש, און אַז איך זע אים, קומט באַ מיר אויס ניט אַנדערש ,נאָר אַז ער גייט אום אויף גאָטס וועלט כדי צו הובלען און פֿיילן, זעגן און פֿאָלירן, רייניקן און צאַצקען זיך און גלעטן כסדר די אידישע פֿראַזע, דאָס אידישע וואָרט, אַז עס זאָל אויף דעם קיין שפּרינקעלע פֿון קיין אַנדער שפּראַך חלילה נישט פֿאַלן.

אַ קליין־וואוקסיקער, מיט פּוכקע בעקעלאַך, מיט אַ צעדרייטער פּלייצע, אַביסל איינגעהויקערט, ווי ער וואָלט אויף זיך אייביק גע־טראָגן דעם יאָך פֿון אידישן גלות, און וואו, און ווען איר וועט אים ניט אָנטרעפֿן, באַטאָג אָדער באַנאַכט, אין גאַס אָדער אין געזעל־שאַפֿט, איז ער תמיד מוכן ומזומן מיט אייך צו פֿאַרציען אַ שמועס, אַ דעבאַטע וועגן אידיש.

— ווי שרייבט מען באַ אייך „אידיש“ — מיט אלף יוד, אָדער „יידיש“, מיט צוויי „יודן“; און אפשר גאָר „יודיש“, מיט יוד „וויו“? . . .

מילא, אַז גאָט העלפֿט אים, און ער טרעפֿט אָן אויף אַ אידן, וואָס איז מיט אים מסכים, אַז מען שרייבט „יידיש“ מיט צוויי „יי'ן“, זעצט איר אין אים אַריין אַ נייע נשמה, און ער כאַפּט זיך מיט אייך אַרום, און ער פֿאַרברייטערט זיך, פֿאַרטיפֿט זיך מיט אייך אין דעם דאָזיקן וואַזשנעם ענין; און ער ברייננגט אייך פֿאַר אַ באַווייז טויזנט כללים, און איר וועט זיך שוין פֿון זיינע הענט אַזוי גיך ניט אַרויסדרייען, ביז איר וועט דערפֿילן, אַז עס שלאָגן שוין אויף אייך אַנגסטן און עס באַפֿאַלט אייך אַ חלשות. . . .

נאָר טאָמער, חס ושלום, טרעפֿט ער אַ אידן, וועלכער איז ניט שטאַרק מקפּיד אויף אידיש, איז ערשט דענסטמאָלט דערפֿילט דער אידישיסט זיין הייליקע מיסיע, און ער הייבט זיך אָן קאָכן, און היצן, און ער נעמט רעדן מיט ברען, מיט האַרץ, קנייטשט מיט דער צעדרייטער פּלייצע, פּשט'לט מיט דעם גראָבן פֿינגער, הייבט

אייך אָן ציען פאַרן אַרבל, און שיסט אין אייך אַריין אַן אַרסענאַל מיט אַרגומענטן, מיט באַווייזן, ביז ער באַזיגט אייך.

סיי ווי סיי, אַרויסדרייען זיך פון אים אַ גאַנצער, אַ לעבעדיקער, איז אַ שווערע זאַך. איבערהויפּט קלייבט ער אויס עפּעס אַזעלכע מאָדנע ווערטער, דער עיקר, שוין לאַנג פאַרגעסענע, וואָס אידן האָבן נאָך געברויכט אין מלך סאָבעצקי׳ס צייטן. אַף פאַרגעסענע ווער־טער איז ער אַ כוואַט.

דערפאַר אָבער איז ענגליש פון אים אינגאַנצן באַיקאָטירט, און ער זאָל מיט אייך אָפּריידן צוויי שעה אפן זייגער, וועט איר פון אים קיין ענגליש וואָרט קיינמאָל ניט הערן. . . .

— וואָס הייסט עפּעס רעדן ענגליש? — טענה׳ט ער — ווי קומט אַ איד צו רעדן ענגליש? פאַרוואָס רעדן די גוים ניט קיין אידיש, האַ? זאָלן די גוים זיך פריער אויסלערנען רעדן אידיש, וועלן מיר דערנאָך אָנהייבן צו רעדן ענגליש.“

און טרעפט אַמאָל אַז ער הערט איינעם רעדן אידיש, און יענער מישט אַריין אַן ענגליש וואָרט, ווערט ער אַף אים מלא רציחה, „אש להבה“, און ער כאַפּט זיך אַרויף אַף דעם אידן, און גיט אים אַ גאָב, אַז יענעם ווערט פינצטער פאַר די אויגן.

— אַזאַ אידן דאַרף מען שמייסן. וואָס איז דאָס פאַר אַ בראָקן „ענגאַליש“ אין דער אידישער שפּראַך, האַ? וואָס־זשע, קליין זענט איר צו רעדן אידיש? איר צעקאַליעטשעט דאָך אייער צונג, און פאַרדאַרבט זיך דעם מאָגן. רעט אידיש! איר קענט רעדן אידיש!“

און אַז יענער הייבט זיך אָן צו פאַרענטפערן און אַנטשולדיקט זיך:

— גזלן, וואָס ווילט איר האָבן פון מיר! איך רעד ווי איך קען. איך האָב גאָרניט קענגן אידיש, נאָר איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, עס פעלן מיר ווערטער, אויסדרוקן. איך קען ניט בעסער — לאָזט ער אים ניט ענדיקן, און צעשרייט זיך אַף אים:

— ניט אמת, עס פעלן אייך ניט קיין ווערטער; ניט מער, איר זענט פויל, איר גיט זיך ניט די מי!“

און אין איינוועגס הייבט ער אייך אָן אויפּצעמישן ווערטער, וואָס מ'האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, נאָר ער איינער האָט זיי אויס־געגראָבן ווי פון אונטער דער ערד, און זיי צוריק מחיה מתים געווען.

זיצן מיר עטלאַכע מענטשן אין אַ הויז און אַ באַקאַנטער איינ־גערמאַן דערציילט אונז:

— האָב איך זיך די טעג אויסגעפּוירנישט אַן אַפּאַרטמענט, ווי אַן אמת'ער „אָלרייטניק!" — אַ לייברערי, מיט אַ בוק־קייס, מיט ראָקינג טשעירס, שיינע פּיינטינגס, מיט אַ דעסק, און אַ דיינינג רום מיט אַ קיטשן; און מיר האָבן אויך אַ יאַרד מיט ביוטיפול פלאַוערס."

נאָר מיין אידישיסט האָט מער ניט געדאַרפט, און האָט אים שוין אפילו ניט געלאָזן ענדיקן.

— גוי גמור! עם הארץ, וואָס איר זענט! וואָס האָט איר דאָ אָנגעפּלאַפּלט, וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון? איר זענט קליין צו רעדן ווי אַ מענטש? איר קענט ניט זאָגן: „איך האָב זיך אויס־געמעבלירט צימערן ווי אַן אמת'ער באַלעבאָס — אַ ביבליאָטעק, מיט אַ ביכער־שראַנק, מיט שאָקל־שטולן, מיט שיינע מאַלערייען אויף די ווענט, מיט אַ שרייב־טיש, און אַ עס־צימער, מיט אַ קיך; און מיר האָבן אויך אַ גאָרטן מיט שיינע בלומען, האַ?"

איז דער אינגערמאַן געבליבן זיצן אַ פאַרטשמעליעטער, אַז עס איז געווען אויף אים אַ גאָטס רחמנות, און עס האָט באַ אים אָפּגע־נומען דאָס לשון, ווי ער וואָלט באַגאַנגען אַ מאָרד. . . .

דערצו איז ער אַן אָנהענגער פון אידישע פאָלקס־לידער. פאַר אַ לידל וועט ער אייך גיין עק וועלט, און אַז גאָט שיקט אים צו אַ גרינעם אידן, איז ער זיך ממש מיט אים מחיה. ער וועט מיט אים אָפּזיצן טעג מיט נעכט, און פון יעדן וואָרט, וואָס דער גרינער רעט אַרויס, קומט דעם אידישיסט צו אַ שטיק געזונט, און ער זיצט און שעפּט תענוג. . . .

— אַך, סאַר־אַ נחת, אַ חיות, מחיה נפשות צו הערן אַזאַ אידן רעדן — זיצט ער און קוויקט זיך, און באַלעקט זיך, און פּאַסמאַ־

קעוועט זיך — און גיט אייך צו פֿאַרשטיין — הערט נאָר, הערט, פֿאַר אַ צעקאַוועסט אַליין, וואָס פֿאַראַ בריליאַנטענע ווערטער אונזער אידיש פֿאַרמאָגט! איך זאָג אייך, פּערל, ריינע פּערל, איר הערט? — און ער נעמט איבערזאָגן די ווערטער, וואָס ער האָט פֿאַציאַפּעט באַ דעם גרינעם אידן:

— פֿאַלאָניק, קאַשקעטל, זשיפּעצע, שטעק־טיך, יאַטקע, וויינ־טרויבן, שלאָפּראָק, קוילעטשן — דאָס איז דאָך גאָלד מיט זילבער! אידיש — אמת׳ע, פּערלדיקע אידיש — מאַמע לשון, ווי די מאַמע און די באָבע אונזערע האָט גערעט! — שרייט ער אויס, און איר פילט אַז ער איז אַ אין זיבעטן הימל פֿון התפּעלות. . . .

אַ קאָמישע בריאה, דער אידישיסט. נאָך אַ „פֿאַלאָניק“ וועט ער אייך לויפֿן אפילו אין פייער אריין!

דער „אויבער־מענטש“

אַליין איז ער אַ שוואַך, שטיל מענטשעלע, פון נידעריקן וואוקס, בלאַס, מיט אַ דין קול׳כעל, און אינגאַנצן זעט ער אויס, ווי איינער וואָס קען קיין צוויי ניט ציילן, און וועט ניט טשעפּן קיין פליג אַף דער וואַנט. . . . דערצו האָט ער נאָך אַ נאָמען, אויך אַ פּיצל, בסך הכל פון צוויי בוכשטאַבן: נח. איז אָט דעם קליינינקן נח׳ן רופט מען — דער „אויבער־מענטש“. . . .

נח איז אַ גוואַלטיקער נאָכפאָלגער פון דעם באַרימטן דיכטער־פילאָזאָף, פרידריך ניטשע. וואו ער גייט, און וואו ער שטייט, טראָגט ער מיט זיך ניטשעס ביכער, פּרעדיקט ניטשעס לערע וועגן אויבער מענטש, רעט וועגן ניטשען, דערציילט מעשה׳לאַך וועגן ניטשען, און טאַקע אַף דער שפּראַך פון ניטשעס — אַלזאָ, שפּראַך זאַראַטוסטרא !

באַקענט ער זיך נאָר ערגעץ מיט אַ מענטשן, טראָגט ער אים גלייך אונטער ניטשעס ביכער, און גיט אים אַ זאָג: „באַקענט זיך מיט מיין חבר ניטשע, דאָס איז דער אויבערמענטש, דער מענטש פון דער צוקונפט, אַ פּאָעט, אַ פילאָזאָף, דער איידעלסטער, דער שענסטער מענטש, וואָס עס האָט וועןן געלעבט אַף דער וועלט.“

דאַרף ער אַמאָל איינעם מאַכן אַ מתנה, מעג עס אפילו זיין איינער וואָס קען אינגאַנצן ניט לייענען, קויפט ער אַ „סעט ניטשע“, און פּרעזענטירט עס יענעם.

טאָמער פאַרפּירט איר מיט אים נאָר אַ שטיקל געשפּרעך וועגן ליטעראַטור, פאַלט ער באַלד אַריין מיט זיין ניטשען, אין דעם געשפּרעך אַריין, די אויגעלאַך הייבן אָן צו פלאַקערן מיט אַ פייער־דיקן גלאַנץ, דער שטערן הייבט אָן צו שוויצן ווי בא אַ ביבער, און אין אַ שטילן, קוויטשענדיקן, כמעט קינדערשן קול׳כל, אין אַ דעקלאַמאַטאָרישן טאָן, צערעט ער זיך:

— ניטשע, עפּעס אַ קלייניקייט, ניטשע, מיט׳ן מויל אויסצור־ריידן, ניטשע — און בעת ער שטייט און רעט, און נאָך יעדן צווייטן

און דריטן וואָרט גיט ער אַ זאָג „ניטשע", דערמאָנט ער אייך אין פּאַרצייטיקן חסיד, ווען ער פּלעגט מיט התפּעלות דערמאַנען דעם נאָמען פון זיין גוטן־אידן, זיין רבין. . . .

אין זיין גאַנצן לעבן, וואָס ער זאָל ניט דאַרפן טאָן, ווען עס קומט עפּעס צו אַ פראַגע, רירט ער זיך ניט פון אָרט, ווערט ניט מאַכן קיין טריט, ביז ער וועט פריער ניט אויפמישן דעם ניטשע שלחן ערוך, צו זען, וואָס האָט ניטשע געזאָגט וועגן דעם ענין. . . .

גייט ער אין גאַס, טרעפט אים אָן אַ באַקאַנטער, און גיט אים אַ פרעג:

— וואָס מאַכסטו עפּעס, נח?

— ניטשע, אין זיין „זאַראַטוסטראַ", האָט געזאָגט:

— אַנטלויף פון דעם מאַרק, פון די מענטשן, אין וואַלד אַריין, צווישן די חיות, וועסטו געפינען מער פריינט ווי אין שטאָט, אפ'ן מאַרק."

טאָמער האָט אים יענער אָפּגעווענדעט, פאַרזשמורעט ער די אויגעלאַך, פאַרקנייטשט דעם שטערן, שווייגט אַ סעקונדע, ביז ער געפינט אים נאָך אַ ציטאַטע:

— ניטאָ קיין געזעלשאַפט, ניטאָ קיין פיינע מענטשן! איין מענטש האָט געלעבט אַמאָל — ניטשע! אַ קלייניקייט עפּעס, ניטשע! דער אויבער־מענטש!"

אין דער פאַבריק, וואו ער אַרבעט, רעט ער מיט זיין באַלעבאָס וועגן ניטשען; אויף דער קוואַרטיר, וואו ער וואוינט, רעט ער מיט דער דינסט־מיידל און מיט דער וועשערין וועגן ניטשען; און מיט יעדן קינד, וואָס ער טרעפט אָן, פאַרפירט ער אַ געשפּרעך, און פאַר־ענדיקט — אַז דו וועסט אַביסל עלטער ווערן, זאָלסטו נעמען לייענען פרידריך ניטשען, וועסטו ווערן אַן אויבערמענטש. . . .

זומער, וואַרפט ער די אַרבעט, פאַרלאָזט די שטאָט, צעקנעפּלט און צעשפּיליעט פון זיך די ציוויליזאַציע, נעמט מיט זיך אַ פּעקל ניטשעס ביכער, און ער פאַרקלייבט זיך אין די בערג.

— אזוי האָט געזאָגט זאַראַטוסטראַ — נעם דיין שטעקן, און פאַרלאָז דאָס געזעמל פון דער שטאָט, און פון מאַרק!"

ווינטער באוווייזט ער זיך צוריק אין שטאָט. ער קומט צוליב די לעקציעס וואָס ווערן אָפּגעהאַלטן בא פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, און בא יעדער לעקציע מוז ער נעמען אַ וואָרט, און עס מאַכט ניט אויס וועגן וואָס דער לעקטאָר האָט גערעט, קומט ער תמיד אַרויס מיט זיין ניטשען.

— וואָלט דער געעהרעטער לעקטאָר געווען באַקאַנט מיט ני־טשעס לערע, וואָלט ער אַנדערש גערעט, און געקומען צו אַ גאַנץ אַנדערן שלום. . . . און נאָך דער דאָזיקער פאָררעדע, נעמט ער ציטירן גאַנצע שטיקער ניטשע. דער עולם לאַכט, אַנדערע גענעצן, אָבער ער אַליין, שוויצט, דער שטערן גלאַנצט, און ער האָט אַליין זער שטאַרק הנאה, וואָס ער הערט זיך רעדן וועגן ניטשען.

דערפאַר וואָס מען האָט אים אַ פּאָר מאָל אָפּלאָדירט ווען ער האָט געגומען אַ וואָרט בא אַ לעקציע, — ער האָט זיך ניט געכאַפּט אַז דאָס חוזק'ט מען פון אים, און האָט אָנגענומען די אַפּלאָדיס־מענטן צו זיין קרעדיט — איז ער שוין לעצטנס געוואָרן אַ לעק־טאָר, און האָט אָפּגעדרוקט צירקולאַרן, און אַנאָנסירט: „נח וועט רעדן איבער ניטשען".

באַצאָלט ער פאַרן צירקולאַר מיט זיין אייגן געלט, צעטראָגט אַליין דעם צירקולאַר, דינגט אַליין דעם זאַל, און ער קומט און וואַרט אַז עס זאָל קומען אַן עולם.

דער עולם, פאַרשטייט זיך, האָט בילבערע זאַכן, ווי צו קומען הערן נח'ן רעדן וועגן ניטשען, נאָר פון נייגעריקייט, און אַף לצנות קומען עטלאַכע באַקאַנטע זיינע, גייען אַריין אַן געלט, און מאַכן אַן ערנסטע מינע, און דערמוטיקן אים, ער זאָל שוין אָנהייבן „לעקטשורן", עס ווערט דאָך שוין שפּעט. . . .

שטעלט זיך נח אַוועק אַף דער פּלאַטפאָרמע, און ער רעט, און ציטירט, דערציילט מעשיות וועגן ניטשען, אַז ניטשע אַליין האָט אויך ניט געצויגן קיין גרעסערן עולם. . . .

— ניטשע האָט אינגאַנצן ניט געהאַלטן פון דער מאַסע, פון דעם המון, דער המון איז פּראָסט און גראָב, ניטשע האָט פון זיי ניט געהאַלטן; און איך, נח, האַלט אויך ניט פון די קאָמפּאַקטע מאַסן. . . . ניטשע האָט גערעט צו דעם ווינט, איך אויך. . . ."

פּיר־און־זעכציק

דער עולם אפּלאָדירט אים שטאַרק, און נח נעמט עס אַלץ אויף זיין חשבון. . . .

נאָך דער לעקציע רוקן זיך אונטער חברה לצים, דריקן אים דאָרם די האַנט, און איינער גיט אים אַ זאָג:

— נח, איר ווייסט, איר האָט זייער שיין גערעט וועגן ניטשען, איר קענט דאָך די טעמע אויסגעצייכנט . . . איר דאַרפט אַרויס־פאָרן אויף אַ טור. . . .

האָט זיי נח געמען פאָלגן, און ער פאָרט אַרום איבער אַמע־ריקע, און האַלט לעקציעס איבער פרידריך ניטשע.

זיין גרעסטן דערפאָלג האָט ער אין די גאָר קליינע שטעטלאָך, וואוהין קיין אַנדערע לעקטאָרן קומען קיינמאָל ניט . . . אין אַזאַ שטעטל איז מען זייער זשעדנע צו הערן אַמאָל אַ אידיש וואָרט, און אַז עס קומען פּופּצן מענטשן צו אַ לעקציע, איז דער דערפאָלג אַ געזיכערטער. . . .

איבערהויפּט נאָך דער לעקציע, הייבט זיך ערשט אָן די אמת'ע שמחה — דער „גאַנצער עולם גייט מיט'ן „ווערטן לעקטשורער“ פאַרברייננגן, און דאָרטן שטעלן זיך אייניקע איין דאָס לעבן, און שטעלן פראַגן:

— וואו וואוינט ער עס, ערגעץ, אָט דער ניטשע אייערער? — פרעגט אַ קאָונטרי־איד, בתמימות.

אַנאַנדערער וויל טאַקע ווּיסן, אויב דער דאָזיקער ניטשע איז ניט אַמאָל אַ קוזין צו דעם טאָלסטאָי, וועמענס ציגאַרעטן ער רוי־כערט שוין אַזאַ צייט — „גאַנץ נישט'קשה'דיגע ציגאַרעטלאָך, און טאַקע זייער ביליג“. . . .

דערמאָלט איבערצייגט זיך ערשט נח, ווי בלינד די אָרעמע מאַסע איז נאָך געבאָך אין די קליינע שטעטלאָך, און ער וויליגט איין צו פאַרבלייבן אויף נאָך אַ לעקציע . . . קומט שוין נאָך אַ קלע־נערער עולם . . . און דער דערפאָלג איז נאָך מער געזיכערט . . . מחמת בּאַ דער צווייטער לעקציע באַמערקט נח גלייך אין אָנפאַנג:

— ניטשען האָט מען ניט פאַרשטאַנען, און מען האָט אים ניט געוואָלט אויסהערן, און ווי איך זע באַשיינפּערלאַך, האָט מיך דער עולם נעכטן אויך ניט פאַרשטאַנען, און דערפאַר איז היינט דאָ

נאָך ווינציקער עולם. . . . איך האַלט ניט פון דעם עולם, און דעריבער אַרט עס מיר ניט, וואָס דער עולם האַלט פון מיר אויך ניט.

— לערנט אייך פון ניטשען . . . אַנטלויפט פון מענטשן, דערווייטערט זיך פון דער שטאָט, פון דעם מאַרק — אַזוי האָט געלערנט ניטשע.“

פונדעסטוועגן, אַז נח קומט צוריק קיין נויאָרק, רעט ער פון זיינע דערפאָלגן אף דער פּראָווינץ.

— אַלץ בעסער ווי אין דער גרויסער שטאָט — דערציילט נח. אף דער פּראָווינץ קומט מען נאָך צו אַ לעקציע, און מען קוויקט זיך מיט אַ שענער אידיש וואָרט. איך אַליין האָב ניטשען פּאָפּולער געמאַכט אין ערטער, וואו מ׳האָט אפילו ניט געוואוסט אַז עס האָט געלעבט אַ ניטשע אף דער וועלט“ . . . און ער איז זייער צופרידן פון זיינע דערפאָלגן אף דער פּראָווינץ מיט זיין חבר ניטשע. . . .

אַ אידישער מעצענאַט

— וואָס איז געלט? געלט איז בלאָטע! כ'לעבן, מען קען עפּעס אָפּלעבן אַ וועלט נאָר צוליב געלט, האַ?“

מיט אַזאַ מין אַריינפאָר האָט זיך צו מיר צעגעזעצט אַ איד, אין אַ קליין שטעטל אין קאַנאַדע, ווען איך בין אומגעפאָרן און גע־האַלטן לעקציעס וועגן דער אידישער ליטעראַטור, פון וועלכע מען קען ניט זייער שטאַרק נתעשר ווערן; און אַז מען וויל דאָך בלייבן אַן עקשן, און ניט שטאַרבן פון הונגער, מוז מען ערשט נאָך דער לעקציע אָננעמען איינלאַדונגען צו גיין אין די הייזער, אף „פּאַרטיס“.

„פּאַרטיס“, דאַרפט איר וויסן, זענען דאָ אַלערליי..

„פּאַרטי“ נומער איינס — באַ אַ נאַש בראַט, אחינו בני ישראל, פּשוטע אידן, וואוילע מענטשן, קבצנים אף דרוקעס, מען עסט אַלע טאָג אַ הערינג מיט אַ קאַרטאָפליע, נאָר פאַר זיך, מיט ווייב און קינדער, און אַז עס קומט אַ ליטעראַרישער גאַסט, רופט מען צונויף נאָך עטלאַכע קבצנים, און מען קאָכט אָפּ אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפּ־ליעס, מיט די שאָלעכץ, און מען קוילעט אַ האַלב טוצן הערינג — אָבער עס איז פריילאַך, היימיש, לעבעדיק, אָן קונצן, אָן חניפות, און וואָס גאָט האָט געגיבן, איז אינאייינעם — מען עסט, מען טרינקט, מען זינגט, און מ'רעט, לייענט — מען לאַכט, און מען האָט הנאה פון דער וועלט, און מען איז זיך משמח מיט'ן ליטע־ראַרישן גאַסט.

פון אַזאַ „פּאַרטי“ האָט דער גאַסט הנאה, און אַלע זענען צו־פרידן, און עס איז חי — געלעבט.

דער עולם, די קבצנים, זענען שוין מיט'ן גאַסט באַקאַנט פון זיינע לעקציעס, אָדער פון זיין שרייבן, כאַפּט מען זיך מיט אים אַרום:

— העלאָ, שלום עליכם! וואָס זשע מאַכט איר? איך האָב אייך געהערט לייענען, גאַנץ פיין, און איך וויל האָבן אייער בוך. וויפיל קאָסט עס?

דער שרייבער פילט זיך אין זיבעטן הימל, און דער לייענער האלט זיך ניט גרויס, פארקערט, עס איז בא אים אנגעלעגט — א קלייניקייט, געקויפט א בוך באם שרייבער אליין! א נחת!

„פארטי" נומער צוויי:

א איד, וואס ער אליין קען זייער ווינציק אידיש, עמיצער האט אים פארשלעפט צו א לעקציע און ער האט די לעקציע ניט פארשטאנען, נאר דער וואס האט אים פארשלעפט איז פון דעם לעקטאר שטארק באגייסטערט, פאסט אים ניט צו זאגן, אז ער האט ניט פארשטאנען, מאכט ער א פנים, אז ער איז אויך באגייסטערט, און מאכט אן אוונט בא זיך אין הויז — א „פארטי".

וויל דער איד, דער בעל הבית, ווייזן פאר זיינע באקאנטע, וואס גייען אויך ניט צו קיין אידישע לעקציעס, אז ער איז ניט ווי זיי... ער גייט צו לעקציעס, און קען זיך מיט שרייבער.

זעצט זיך דער איד מיט דער אידענע אוועק באם טעלעפאן, און מען נעמט קלינגען:

— העלא! וואס טוט איר מארגן? גארניט? קומט אריבער צו אונז, מיר האבן א גאסט, א פאעט, א שרייבער — א, א בארימטער מענטש. אונזערער א פריינט; יא, א גרויסער מענטש — א לעקטשורער און א שרייבער. ער איז אלסדינגג; וואס איר ווילט, קען ער. יא, ער וועט זיין בא אונז, ער וועט לייענען, יא. דאכט זיך, אז ער קען זינגען אויך. וועט איר קומען? גוט....

אף אזא „פארטי" איז ניט זייער פריילאך. די אידן, וואס קענען אידיש, שעמען זיך צו רעדן, ווייל בא זיי קומט אויס, אז א מענטש איז א שרייבער, דארף מען שוין צו אים רעדן אין אנאנדער שפראך, און אין א יאנטעוודיקן טאן.

רעט מען מיט'ן שרייבער וואס איר ווילט נאר פאר א שפראך, אבי ניט קיין אידיש.

הייגט אז דער שרייבער שרייבט אין אידיש, און ער זעט מיט וואס פאר א פובליקום מען האט אים צענויפגעבראכט אף דער „פארטי", איז דער גאנצער אוונט שוין בא אים אן אפקומעניש.

דאס לייענען איז ניט געלייענט, דאס געזאנג איז ניט געזונגען; א גליק נאך וואס צו אלצדינג דארף אמאל נעמען א סוף, ענדיקט זיך

די „פּאַרטי“ אויך, און מען קומט דאָס איבער.

„פּאַרטי“ נומער דריי — בעסער געזאָגט, נומער ערגער — איז שוין ערגער פון חבוט הקבר, ווייל חבוט הקבר איז, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, ערשט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, און דערצו טאַקע ערשט נאָכן טויט. מילא, גיי זאָרג זיך איצט וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין נאָכן טויט.

ווי איז אָבער דער דין, אז מען מאַכט אייך אַ „פּאַרטי“ גראָד באַ אַ אידן, וואָס קען אידיש, און שרייט אז ער האָט ליב אידיש, און אז פאַר אידיש וועט ער זיך אויסשטרעקן, זיך ממש לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט, און היינט אז גאָט האָט אים נאָך נעבאך געבענטשט און אים געגיבן אַ סך געלט, און מיט געלט קען מען קויפן ביכער, און באַ אידן, אז מען קויפט אַ בוך, איז מען שוין אַ מעצענאַט.

ווערט שוין דער גביר אין שטעטל אַ מעצענאַט און מען פאַר־ווינגט אים אין אַ גוט ווינקעלע, און יעדעס מאָל ווען עס קומט צע־פאָרן אַ אידישער שרייבער, קלינגט מען אָן דעם גביר און מען זאָגט אים:

— איר ווייסט? דער און דער איז דאָך דאָ אין שטאָט. אַ פיי נער שרייבער, איר דאַרפט זיך באַקאַנען מיט אים. אַ געלערנטער מענטש. יאָ, ער שרייבט שוין, און האָט אַ פיינעם נאָמען, יאָ. . . .

היינט אז איך בין געקומען אין דעם שטעטל, און מען האָט מיך באַקאַנט מיט דעם דאָזיקן גביר, און ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אין הויז, און צוליב מיר נאָך אָנגערופן אַ האַלב שטעטל, און נאָך איידער דער עולם איז זיך צענויפגעקומען, האָט מיך דער איד געלאַדן צו זיך אף מיטאָג, און באַם טיש גיט ער מיר צו פאַר־שטיין, אז געלט איז בלאָטע, געלט איז ניט אַלעס אין דער וועלט, טראַכט איך מיר:

— באַ דיר, אז דו האָסט אַ סך געלט, איז געלט טאַקע ניט אַלעס, אָבער באַ מיר, אז יעדעס מאָל, ווען איך דאַרף באַצאָלן דירה־געלט, קריכן מיר די אויגן פון קאָפּ, באַ מיר איז געלט נאָרגיט אזאַ ביליגע זאַך. מיר וואָלט געלט גאַנץ שטאַרק צענוץ געקומען. . . .

— מיינט איר, וואָס דאַרף איך געלט — רעדט ווייטער צו מיר דער איד — געלט דאַרף איך האָבן כדי איך זאָל קענען העלפֿן אַ אידישן שרייבער, אַ אידישן קינסטלער. כ׳לעבן, זיי זענען דאָך נעבאָך גרויסע שלימ׳מזל׳ניקעס . . . ווער דען וועט זיי העלפֿן, אַז ניט איך, מיט מיין קאַפּיטאַל, האַ? בין איך גערעכט אָדער אומגערעכט? — שטעלט דער איד אויס אויף מיר אַ פּאָר גרויסע אויגן מיט אַ פֿראַגע צייכן, וואָס צעלייגט זיך אים איבערן גאַנצן פּנים. און איך דערפֿריי זיך שטאַרק, און טראַכט מיר:

— גאָט האָט מיר צוגעשיקט וואָס איך זוך שוין אַזוי פֿיל יאָרן — אַ מעצענאַט, אַ אידישן מעצענאַט, וואָס זאָל מיר קומען צו הילף, און זאָל מיך אָפּשעצן, און מיר העלפֿן, איך זאָל קענען לעבן און שאַפֿן אביסל רואיקער.

לייג איך אַוועק דאָס עסן, און עפֿן מיינס אַ בוך, און גיב אים אַ זאָג:

— הערט אויס, פֿריינט, אָט דאָס איז מיין בוך. איך וועל אויסקלייבן די בעסטע זאַכן און וועל אייך היינט פֿאָרלייענען, אַז איר וועט שטאַרק הנאה האָבן, איר הערט? איך וועל אייך ווייזן דאָס שענסטע וואָס איך האָב געשאַפֿן אין אַלע מיינע יאָרן, און איך פֿאַרלאָז זיך אויף אייערע מבינות און אויף אייער געשמאַק, און אויף אייער גוט הארץ, אפשר וועט איר איינזען, ווי נויטיק עס איז מיר צו קומען צו הילף!

— אַך, בכבוד גדול! זייער אָנגעלייגט באַ מיר, איך וועל זיכער זיין צופֿרידן עפּעס צו טאָן פֿאַר אייך. לאָמיר נאָר האָבן די זכיה אייך צו הערן לייענען, מען זאָגט מיר טאַקע, אַז איר זענט עפּעס גאָר אַ חידוש, עפּעס נייעס אויף דער אידישער גאַס. מען זאָגט דאָך, אַ כפּרה טעאַטער. . . . אַלזאָ, אָפּגעמאַכט. באַרואיקט אייך, און באַם טיש וועל איך אייך פֿאַרשטעלן פֿאַרן עולם און נאָכ׳ן לייענען, וועל איך אַליין האַלטן אַ רעדע וועגן אייער קונסט, און וועל אייך שטיצן מיט דער פֿולער האַנט — האָט דער מעצענאַט פֿאַרענדיקט.

דערנאָך איז זיך דער עולם צעגויפֿגעקומען — אַלע, גבירים אדירים, אידן מיט בייכלאַך און מיט בייכער, מיט באַנק ביכלאַך,

מיט צוואַנציק טויזנט, מיט פופציק טויזנט — און לעבן מיר זיצט אַ איד, און ציילט זייער געלט, עם הייסט, ער פּרובירט טרעפן:

— דער בעל הבית אַליין, איז אַ איד, וואָס מען שאַצט אים אין צוויי מאָל הונדערט טויזנט — הער איך ווי ער פאַרטרויעט זיין שכן אַ סוד.

— און דער נידעריקער, דער גראָב בייכיקער, איז אַ פערטל מיליאָנטשיק. . . . און יענער איגגערמאַן האָט נעבאַך ערשט פאַר־לוירן אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר אַף דעם סטאָק עקסטשיינדזש; אָבער נשקשה, ער האָט גענוג, הלואי אַף אונז ביידע געזאָגט געוואָרן.

און נאָך מער קונץ, מען רעט דוקא אידיש, און אַ שיינעם, אַ קנאַקענדיקן אידיש — אַ וואָלינער, אַ בעסאַראַביער, און קיינער דאַרף ניט גיין אין קעשענע זוכן אַ וואָרט. זייער פיין, שיין, אַ מחיה.

דער בעל הבית נעמט אַ וואָרט, האַלט אַ קורצע, שיינע רעדע, שטעלט מיך פאָר, זייער בכבודיק, און זאָגט, אַז ער האָט דאָס פאַר־געניגן מיך פאָרצושטעלן, און איך וועל לייענען פון מיין באַנד הומאָר. . . .

איך לייען, דער עולם קאַטשעט זיך פון געלעכטער, קיין וואָרט גייט ניט פאַרלוירן, יעדער וויץ ווערט פאַרדייעט — אַ וואונדער־באַרע אידישע געזעלשאַפט.

דריי מאָל האָט מען מיך אַרויסגערופן און איך האָב געמוזט לייענען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל.

צום שלום, נעמט דער בעל הבית נאָכאַמאָל אַ וואָרט און ער זאָגט, מיט טרערן אין די אויגן:

— איך האָב שוין געהערט אַ סך מענטשן לייענען, נאָר היינט אַף דערנאָכט בין איך איינפאַך גליקלאַך, און איך בין זיכער, אַז אַלע וועלכע זיצן דאָ, זענען גליקלאַך וואָס זיי האָבן געהאַט דאָס גרויסע פאַרגעניגן צו האָבן אַזאַ גייסטרייכן, ליטעראַריש־הומאָ־ריסטישן אָוונט, און מיט אַ נאָז־טיכל צו די אויגן, מאַכט ער אַ דראַמאַטישן אָנשטעל, און ווענדעט זיך דירעקט צו מיר:

— איך וויל אַז איר זאָלט מיר גלויבן, אַז איר זענט מיר גע־וואָרן היינט איינגעבאַקן אין האַרצן, און אַ סך נעענטער פון אַן איינענעם ברודער, און געווים דאַרף מען אייך לייענען, מען דאַרף

איך שטיצן — מען מוז אייך גיבן אַ מעגלאַכקייט, אַז איר זאָלט קענען זיצן רואיק, און שאַפן פאַר דער אידישער ליטעראַטור, ווייל איר זענט אַ כבוד, איר זענט אַ שיינדלינג פאַר דעם אידישן פאָלק." און דער עולם אַפּלאָדירט אים, און שרייט בראַוואָ. אַלע זענען איבערראַשט, איך אַליין בין אויך גערירט פון דעם מעצענאַט'ס ווערטער, און טראַכט מיר:

— ענדלאַך קומט פאַר מיר די ישועה. אָט, אָט, און איך ווער געהאָלפן, ווי ווערט ער עם מיר ניט אויסשרייבן אַ „טשעק" כאָטש פאַר אַ צען „סעטס" ביכער? און זאָגן: „דאָ איז אַ „טשעק", און איך וועל שוין זען פאַרשפּרייטן אייערע ביכער. . . . "

און איידער איך האָב צייט עפּעס אים צו ענטפערן, כאַפּט ער זיך טאַקע צו דער קעשענע, און שלעפּט אַרויס אַ פּאַק מיט פּאַפּיר־געלט, און ציט אַרויס פון דעם פּאַק אַ פינפערל, און רופט זיך אָן:

— נאַ, מיין טייערער, וויפיל קאָסטן דיינע ביכער, דריי און אַ האַלב דאָלאַר? נאַ דיר אַ פינפערל, גיב מיר אויסגאַב, און זאָל זיין אין אַ מזל'דיקער שעה. איך האָב תמיד ליב געהאַט צו שטיצן און אַרויסצוהעלפן אידישע שרייבער, און דיך וועל איך געוויס זיך ניט אַנטזאָגן צו שטיצן, און אַז דו וועסט אַרויסגיבן נאָך אַ בוך, וועל איך דיר נאָכאַמאָל העלפן. . . .

* * * *

און ווען מען רעדט פון אידישע מעצענאַטן דערמאָן איך זיך אָן דעם אידישן גביר פון דעם קליינעם שטעטל אין קאַנאַדאַ, און עס קלינגט מיר אין די אויערן זיינע ווערטער: וואָס איז געלט, געלט איז בלאָטע; כ'לעבן, מען קען עס אָפּלעבן אַ וועלט נאָר צוליב געלט?

נאָר אַז איר ווילט מיך נעמען צו אַ „פּאַרטי", נעמט מיך צווישן קבצנים, גיט מיר הערינג מיט קאַרטאָפליעס, אָן רעדעס, אָן טרערן, און אָן אידישע מעצענאַטן. . . .

איציק׳ל

אין דער היים, אז איך בין נאָך געווען אַ קליינער אינגל, האָב איך געהאַט אַ טייערן חבר, איציק׳ל.

איציק׳ל דעם שניידערס — אַ שיינער בחור׳עץ, מיט פוצקע באַקן, גרויסע לאַכעדיקע אויגן, און ברייטע פּלייצעס. ניט מער — מיין טאַטע איז געווען אַ שיינער איד, אַ למדן, און איציק׳לס טאַטע איז געווען אַ פּשוטער שניידער, און האָט ניט געקענט קיין בלעטל עברי אָפּזאָגן אָן גרייזן.

האָט דער טאַטע ניט געוואָלט ליידן, וואָס איציק׳ל גייט צו אונז אין שטוב אריין. אָבער איציק׳ל און איך האָבן זייער גוט געלעבט, און מיר פלעגן זיך שפּילן אין דרויסן, און בא זיי אין הויז — אַזוי אַלע חדר יאָרן.

אַז מיר האָבן ביידע אויפגעהערט צו גיין אין חדר, האָבן זיך אונזערע וועגן צעשיידט — איך בין געוואָרן אַ לערער, און איציק׳ל האָט זיך געשטעלט בא זיין טאַט׳ן פאַר אַן ארויסהעלפער, און שפּע־טער איז ער געוואָרן אין דעם אייגענעם שטעטל אַ שניידער פאַר זיך.

אַ חבר איז אַ חבר, און ווען איציק האָט גענייט מיין הלבשה צו דער חתונה, האָט ער מיך דערמאָנט אין אונזערע קינדער יאָרן, און אין איין וועגס זיך באַקלאָגט, אַז ער קען פון דער נאָדל ניט ציען גענוג חיונה, און ווען ער זאָל האָבן אַף אַ שיפסקאַרטע, וואָלט ער אוועק קיין אַמעריקע.

אַז איך האָב געדאַרפט אוועקפאָרן קיין אַמעריקע, איז איציק׳ל געקומען זיך מיט מיר געזעגענען, און מיט טרערן אין די אויגן מיך געבעטן:

— חבר מיינער, אויב דו וועסט נאָר אַמאָל קענען, שיק אַ שיפּס־קאַרטע, ראַטעווע מיך — פאַרט געווען אַמאָל חברים, געלערנט בא איין רבין.

פינף־און־צוואנציק יאָר שפּעטער, שוין נאָכדעם ווי איך האָב פאַרגעסן אין איציק׳לען ווי מען פאַרגעסט אין אַסך אַנדערע, גיי איך אין גאַס, שפּאַציר אַף בראָדוויי, שטעלט מיך אָפּ אַ איד, רופט מיך אָן באַם ערשטן נאָמען, לאַכט מיר אַריין אין געזיכט, טרייסלט מיך ברייט פאַר די אַקסלען. שטיי איך אַ צעמישטער, דאָס פּנים איז עפּעס יאָ באַקאַנט, אָבער איך פיל, אַז עס איז לאַנג, זייער לאַנג, אַז איך האָב דעם מענטשן שוין ניט געזען. בין איך אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, און ווייס ניט וואָס צו זאָגן.

— איציק׳ל! שטעלט ער זיך פאַר מיר פאָר, און לאַכט אַזוי געשמאַק, אַזוי האַרציק, און דורכן לאַכן האָב איך זיך ווידער דער־מאָנט אין מיין אַמאָליקן חבר, און זאָג אים:

— איציק׳ל, דעם שניידערס, פון סניטקיוו?

— יאָ, יאָ, פון סניטקיוו! און איך זע, אַז ער איז זיך מחיה, וואָס איך רוף אָן דאָס שטעטל. דערנאָך גיב איך אים שוין אָפּ אַ שלום עליכם, און פרעג אים — איז וואָס־זשע מאַכסטו, איציק׳ל? ווי גייט עס דיר?

— גוט, זייער גוט! — און ער לאַכט אַזוי ברייט, אַזוי געשמאַק, נאָר מיטאַמאָל אַנטשולדיקט ער זיך, ער האָט קיין צייט ניט, שטופּט מיר אַריין אַ וויזיט קאַרטעלע אין האַנט, און גיט מיר אַ זאָג:

— קלינג מיר אָן, און קום צעגיין! און ער איז אַוועק.

האָב איך באַהאַלטן דאָס קאַרטעלע אין אַ קעשענע, נאָר ווי עס טרעפט זיך, האָב איך זיך אין דער גאַנצער מעשה ווידער פאַרגעסן.

אַ פּנים אָבער אַז איציק׳לען איז געגאַנגען אין לעבן אַז איך זאָל זיין באַ אים, מחמת אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט ער מיר אָנגעקלונגען, און זאָגט מיר:

— דאָס רעדט איציק׳ל, דיין לאַנדסמאַן. וואָס ביזטו אַזוי גרויס באַ זיך, פאַרוואָס קומסטו ניט אַריבער? דאָ איז דאָך שוין ניט סניטקיוו. דאָ זענען דאָך אַלע גלייך. . . .״

אין דעם — אַלע גלייך — האָב איך געפילט, אַז איציק׳ל גע־דענקט נאָך, אַז מיין טאַטע פלעג ניט וועלן ליידן אים באַ אונז אין

הויז. האָב איך אים באַרואיקט, און טאַקע צוגעזאָגט אַז בײַ דער ערשטער געלעגנהייט וועל איך קומען צו אים מיט אַ באַזוך.

געפונען דאָס קאַרטעלע זיינס, אָבער איך דערקען ניט זיין נאָ־מען — אין דער היים האָט ער געהייסן איציק איצקאָוויטש, און דאָ, אויף דער קאַרטל, ניטאָ שוין קיין זכר פון איצקאָוויטש, נאָר סמיט. מילא, טראַכט איך, אַ דאגה מיר . . . סמיט, זאָל זיין סמיט.

איך גיב אַ קוק אויפן אַדרעס, גלויב איך וויטער ניט מיינע אויגן. איך קען גוט די שטאָט, און די גאַס וואו דער אַדרעס געפינט זיך, איז אין „עקסקלוזיווו" געגנט, און דאָרט וואוינען נאָר מיליאָנערן. אָבער אין אַדרעס איז אין אַדרעס, און איך לאָז זיך פאָרן אין מיליאָ־נערסקען געגנט זוכן אַ אייזיק סמיט.

אַז איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט מיט מיין „שעווי" לעבן דעם פּאַלאַץ, און אַ דינער האָט מיר געעפנט די טירל פון „שעווי", האָב איך זיך פאַרשעמט אַרויסצוגיין, און עס האָט מיר גענומען עטלאַכע מינוט ביז איך האָב געקענט עפענען מיין מויל צו זאָגן דעם דינער, אַז איך זוך אין אַדרעס פון איינעם אַ אייזיק סמיט.

— דער אַדרעס איז ריכטיק, אָבער וועמען ווילט איר זען?

— איך דאַרף זען מר. אייזיק סמיט — און בײַ זיך טראַכט איך: פּילייכט איז ער דאָ אַ שניידער, אָדער אַ משרת. . . .

— קאָרעקט — ענטפערט מיר דער דינער — ביטע קומט מיט מיר, און ער פירט מיך צו ביז צו דער טיר, און גיט אַ קלונג דעם גלאָק, נאָר צו דער טיר קומט אַ יאַפּאַנעזער און בעט מיין קאַרטל, און לאָזט מיך וואַרטן אויף אַן ענטפער.

באַם אַריינגאַנג האָט מיך באַגאַסן אַ שוויים. איך בין אין מיין לעבן אין קיין מיליאָנערסקע הייזער ניט געווען, און די אויסשטאַ־טונג האָט מיך פאַרכאַפּט, איך בין נבהל ושתומם געוואָרן.

אַריינקומענדיק שוין, אויפן וואונק פון אַנאַנדער משרת, אין אַן אויפנאַמס זאַל, באַדעקט מיט טייערע טעפּיכן, און קונסט בילדער אויף די ווענט, און בראָנזענע סטאַטועז אין די ווינקלען, און וואַרפנ־דיק אַ קוק אויף די קונסטפולע שטיקער מעבל, וואו יעדער זאַך האָט דערציילט פון אַזוי פיל עשירות, פון אַ וועלט מיט לוקסוס, בין איך ערשט געוועזן כמעט זיכער אַז דאָ איז עפּעס אַ טעות, און אַז איך האָב ערשט פאַרבלאָנדזשעט.

נאָר ענדלאַך איז אַריינגעקומען צו מיר, פון אַ זייטיקן צימער, דער בעל הבית — איציק׳ל. דער אייגענער איציק דעם שניידער׳ס, מיין חבר, דעם שניידערס אינגל.

— נו, וואָס שטייסטו באַ דער טיר? קום ווייטער, זעץ זיך!

זיץ איך פאַרלוירן, ווייס ניט וואָס צו רעדן. פאַלט ער אַף אַ פּלאַן און עפנט אַ צווייטע זאַל, און זאָגט מיר: „קומט ווייטער.“...

ער גייט, און איך גיי אים נאָך, ווי מ׳גייט אין אַ חלום. עס איז עפּעס אַזוי אומדערוואַרטעט, און אַזוי וואונדערלאַך די גאַנצע זאַך. איך קוק אַף דעם פּאַלאַץ, און אַף אים, און אין מח פּלאָנטערן זיך קינדער יאָרן, סניטקיוו, מיין שטעטל, און אַ איציק׳ל דעם שניי־דערס, ביז מיטאַמאָל כאַפּ איך אַ קוק אַף אַ בילד וואָס הענגט אַף דער וואַנט, איינע פון יענע קונסט פּאָרטרעטן, וואָס זענען געמאָלן פון אמת גרויסע מאָלער, און אַזוי ענלאַך אַף דעם מענטשן פון וועמען דאָס איז געמאָלן, אַז מען דערשרעקט זיך אַזש פון באַ־וואונדערונג.

— איציק׳ל! אַן אמת׳ע לעבנס־בילד פון דעם מענטשן וואָס שטייט איצטער קעגן מיר. אַ קונסט־בילד.

— צוויי טויזנט דאָלאַר — לאָזט ער מיר וויסן — האָט ער באַצאָלט, און ער לעגט צו:

— אַן אמת׳ע צאַצקע, הא, וואָס זאָגסטו. און ער מאַכט גלייך אַ באַמערקונג: אַרויסגעוואָרפן געלט, נאָר דער מאָלער האָט זיך אָנגעזעצט אַף מיר, איך זאָל אים העלפן, ווייל אַז ער וועט מאָלן מיין בילד, וועלן אַנדערע גבירים אויך גיבן זייער אַרבעט. מילא, האָב איך זיך שוין ניט געקענט אָפּטשעפּן פון אים. האָט ער מיך נעפּלאָגט אַ האַלב יאָר נאָכאַנאַנד, דריי מאָל אַ וואָך, ביז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער „צאַצקע“.

האָב איך שוין געזען, וואָס פאַר אַ גרויסער מבין מיין חבר איז אַף קונסט. נאָר מוחל, איז ער ניט קיין מבין, מיין דאגה.

— איך האָב געוואוסט אַז דו ביזט אַ שרייבער אין אַמעריקע — לאַכט ער מיר אַריין אין פּנים אַריין.

— דו ביזט נים קיין לייט! אַזוי לאַנג אין אַמעריקע, לערנען האָסטו נאָך אין דער היים געקענט — און ער פאַרענדיקט:

זעקס־און־זיבעציק

— פרעג איך דיך אליין, זאג, האסטו שכל ? ? ?

שוייג איך. איך וועל דאך ניט גיין בא אים אין הויז זיך פאר־מעסטן מיט אים און ווייזן אז איך האב יא שכל.

דערציילט ער מיר, כאטש איך פרעג אים ניט:

— געארבעט א שטיקל צייט בא יענעם, דערנאך זיך צוגע־שלאגן צו אן אייגן געשעפט. פון געשעפט איז געווארן דריי גע־שעפטן, דערנאך א גאנצע קייט. די קייט געשעפטן פארקויפט, גענומען הונדערט טויזנט דאלאר פאר׳ן נאמען . . . און מיט די הונדערט טויזנט דאלאר געמאכט אין איין יאר, א האלבן מיליאן; און מיט א האלבן מיליאן ארגאניזירט א „קארפארייישאן״ פון דריי מיליאן, און ווער איז דער פרעזידענט — אייזיק סמיט !

עס טרעפט אמאל אז א מענטש ווערט אזוי איבער־גוועלטיקט אז ער פארלירט זיין שפראך, מיט מיר האט עס פאסירט ווען אין דעם דאזיקן מאמענט, ווען ער האט ארויסגעזאגט דעם נאמען „אייזיק סמיט״, און א טיר פון א דריטער זאל האט זיך געעפנט און עס איז ארייננגעקומען א בילד שיינע, עלעגאנטע דאמע, און ער האט זי מיר פאגעשטעלט — „מרס סמיט״, און איך האב דערזען דעם טיפן דרך ארץ וואס זיין פרוי האט פאר אים, האב איך זיך, איך ווייס אליין ניט פאר וואס, אזוי פארלוירן, אז איך האב ניט געקענט אויסריידן קיין ווארט.

בא דעם עסן האט מיך געבריט אין פלייצע, מחמת איך האב געפילט אז הינטער מיר שטייט דער יאפאנעזער און ווייסט אז איך בין הילפלאז, און האב ניט קיין ברעקל באגריף מיט וועלכן שטיק זילבער, מען הייבט אן פריער זיך באנוצן באם טיש. עס איז מיר ניט איינגעגאנגען דאס עסן, די געטראנקען, און איך האב געדאנקט גאט, אז מען האט געענדיקט עסן.

מיט א קאפ־ווייטיק האב איך פארלאזן מיין לאנדמאנס פאלאץ, האב צוגעזאגט קומען אפטער, אבער איך בין מער ניט געקומען, ביז אין א צייט ארום, ווען איך האב זיך איינמאל געפילט אין אזא שרעקלאכער געדריקטער לאגע, אז איך האב פאר זיך קיין רעטונג ניט געזען, איז מיר מיטאמאל איינגעפאלן א געדאנק:

— איציק׳ל, מיין חבר ! ער קען מיך ראטעווען פון מיין קריזיס. און עס איז בא מיר געבליבן, אז צו אים וועל איך גיין, וועל פאר אים עפענען מיין הארץ, און בעטן א טובה.

בין איך אוועק צו אים אין זיין קאנטאָר, אין דעם „סמיט בילדינג“, וואָס איך האָב יאָרנלאַנג געקענט, נאָר עס איז מיר קיינ־מאָל ניט איינגעפאַלן, אז דאָס „סמיט בילדינג“ איז מיין לאַנדס־מאַנס. . . . גיי וויים, אז דאָס געהערט צו אַ סנימקיוועד אידן.

אין זיין פריוואַטן קאַבינעט האָט ער מיך פריער אויסגעפרעגט צען מאָל יעדע קלייניקייט, מיר דערנאָך געגיבן אַלערליי עצות.

— אז ווער דאַרף עס דאָ אידיש? איך קען נאָך אידיש, אָבער אָט, דאָס ווייב, איז אינגאַנצן שוין אַ היגע געבוירענע, און די קינדער רעדן אינגאַנצן קיין אידיש ניט. היינט אז אידיש שרייבן באַצאָלט זיך ניט, און מען קען דערפון קיין פּרנסה ברווח אויך ניט האָבן, דאַרף מען דאָך זיין ערגער פון משוגע, מען זאָל עס ניט אוועק־וואַרפן. . . .

— און פאַרוואָס זאָל איך ניט ווערן אַ גראָסערי־מאַן, אָדער אַ קאַסטימער פּעדלער, אָדער גאָר אַ „ריעל עסטייט“ אַגענט. וואָס זשע, ווינציק פּרנסות זענען דאָ אין אַמעריקע, צו וועלכע איך וואָלט זיך געקענט אויסטויגן? . . .

און נאָך אַלע עצות, האָט ער זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט און צוגעלייגט:

— שאַ, ווייסטו גאָר וואָס, גיי צו די טשאַריטים! איך וועל דיר גיבן אַ בריוו צו די „טשאַריטים“, איך בין דאָרטן אַ דירעקטאָר, איך גיב זיי געגוג געלט אַלע יאָר.

אז איך האָב דערהערט דאָס וואָרט „טשאַריטים“, האָב איך ווידער פאַרלוירן דאָס לשון, נאָר איך האָב זיך אויפגעהויבן און בין אַרויס אָן אַ זיי־געזונט פון זיין קאַנטאָר.

פון יענעם טאָג אָן, אז איך גיי דורך אַמאָל די „סמיט בילדינג“, פּיל איך אַ ווייטיק אין האַרצן. עס איז מיר אַ שאָד, וואָס די גע־ביידע האָט באַ מיר געדויבט אַ חבר פון מיין שטעטל, און אז איך באַמערק אַמאָל זיין נאָמען אין אַ צייטונג, אז ער צעטיילט טויזנטער אַף „טשאַריטים“, שטיקן מיך אין האַלדז צוויי ווערטער:

— מיין חבר!

באַהיט זאָל מען ווערן פון חברים, וועמען גאָט שטראָפט מיט מיליאָנען. . . .

אַכט־און־זיבעציק

דער „קולטור טרעגער“

זיין נאָמען? איר קענט אים גוט.

זיין באַשעפטיגונג? ער איז אַ קולטור טרעגער!

זיין היים? ער איז אַ איד! און טאַקע אַ וואַנדערער!

זיין פאַרמעגן — ניט אָפּצושאַצן.

אַ פּאַק מיט ביכער, פילאָזאָפישע, ליטעראַרישע — און דאָס איז זיין פריינד, זיינע קרובים, זיינע חברים — און ער טראָגט זיי כסדר מיט זיך, אף זיך, אין אַ שווערן פּאַק, אין אַ לעדערנעם טאַש, איבער־געהאַנגען איבער דעם האַלדז. און וואוהין איר גייט, דאָרט טרעפט איר אים. . ,

מ׳דאַרף אים אייך ניט פאָרשטעלן, ער קען דאָס אַליין; און זיינע שאַרפע, קליינע, פייערדיקע אויגעלאַך, דערקענען שוין, אויב איר וועט זיך צולאָזן צו אים.

„איך בין אַ פאַרטרעטער פון דאָס נייע לעבן.“

און איידער איר האָט צייט אים עפּעס צו פרעגן, וועט ער אייך צודריקן צום וואַנט, אַזוי אַז איר זאָלט זיך ניט אָוועקדרייען פון אים, און ער וועט אייך גיבן אַ וויסנשאַפטליכע לעקציע, וועגן קולטור, אידישע ליטעראַטור, פילאָזאָפיע, עסטעטיק, עטהיק, און איבער־הויפּט אידישע קולטור, און ענדיקן וועט ער מיט אַ פראַגע:

— וואָס איז אייער נאָמען, און וואו וואוינט איר? — און איצט, נאָט אייך אייערע ביכער מיט דעם זשורנאַל און דערלאַנגט זייט מוחל צוויי דאָלער מיט פופציק סענט, און זייט מיר געזונט און שטאַרק, און זאָל גאָט גיבן ישיעות ונחמות אויף אידן!“

און ער איז ניטאָ!

און טאָמער מיינט איר אַז איר האָט קיין געלט ניט זענט איר שוין פון אים פּטור? אַ טעות. . . .

נײַן־און־זיבעציק

— איר האַלט אייך דעם קוויטונג, ווען וועט איר האָבן געלט — מיטוואָך, שבת. נו, איז איצט ניט, איך וועל שוין קומען צו אייך! . . . איך האָב דאָך שוין אייער אַדרעס!"

און טאָמער מיינט איר, אַז איר ווילט סתם זיך ניט אָבאָנירן אויף „דאָס נייע לעבן", זענט איר שוין פון אים פּטור? כאַפּט ניט, קענט איר אים אָפּנים ניט!

— איר זייט דאָך אַ אינטעליגענטער מענטש, ניט אמת? נו, און איר וועט דאָך ניט שעפּן אייער קענטניש פון דער טעגלאַכער צייטונג! ניט אמת? נו, און איר וועט דאָך צוגעבן, אַז עס איז פאַראַן אַ אידיש פאָלק, ניט אמת? און אַז דאָס אידישע פאָלק איז פאַרזונקן אין מ"ט שערי טמאה. און אַז מען מוז, עס איז אַ פליכט, דאָס צו דערהויבן צו אַ העכערע מדרגה — צו אַ קולטורעלן מצב, איאָ?" . . .

— נו, איז אייך שוין גענוג?

— ניין?

איז נאָכאַמאָל:

— פאַראַן אינטעליגענטן?

— גוט, און אַ פאָלק?

— ווייטער גוט, און אַ קולטור איז וויכטיג? — אַלזאָ צוויי דאָלער מיט פופציק סענט!"

— הערט אויס רב איד! זייט־זשע ניט קיין עם הארץ . . . ווייל איר קריגט דעם גאַנצן פּאַק קולטור אין קאָפּ אריין! ניט גע־נוג וואָס מען פאַרט צו אייך פינף הונדערט מייל, צו באַזאָרגן אייך מיט אַ קולטורעלן מאָנאַט־שריפט יעדן חודש, און אַ פּרעמיום אַלס צוגאָב גיט מען אייך, וואָס איז ניט אָפּצושאַצן, מיט גאָלד גלייך, האָט איר נאָך די חוצפה איינצו'טענה'ן. . . . נו, רירט אייך, רירט אייך — ארויס מיט די לומפּיקע פּאָר גראָשן!"

— נו, פרעג איך אייך, צי וואָס האָט איר נאָך געדאַרפט זיך נאַריש מאַכן?"

און אַזוי לויפט ער ארום פון אַכט אינדערפרי ביז עלף באַנאַכט.

אַבציק

ער טרעפט זיינע קונים איבעראַל — אין „קאַרס“, באַם „סאָדאַ־פאָונטען“, באַם ראַזירער, אין מקום קדוש, אין מרחץ להבדיל, אין פאַבריק, און אױף אַלע פאַרזאַמלונגען און קאָנצערטן.

אַדרעסן? פון דער גאַנצער װעלט אַדרעסן געפינט איר באַ אים!

און ער קומט אין אַ שטעטל, שאַפט עטלאַכע חסידים, דערציילט זײ מופתים פון רבי'ן, מעשיות פון גוטע־אידן, עפּיזאָדן פון דער רעװאָלוציע, אַנעקדאָטן פון אונטערװעגנס, און ער װערט דער גע־שפּרעך פון שטעטל, ער אַקערט דורך יעדע גאַס, ער „רײניקט“ אוים יעדנס קעשענע.

— צװײ דאָלער מיט פופציק סענט, בלויז אײנמאָל אַ יאָר! און דער עיקר: עס גײט פאַר קולטורעלע צװעקן . . . זײט צופרידן װאָס עס קאָסט אײך אַזױ ביליג, נור ניט גע'טענה'ט . . . װײזט דער װעלט, אַז איר שעצט די אידישע קולטור . . . זאָל מען אײך רע־כענען צװישן די אינטעליגענטן. . . . בקיצור, צװײ דאָלער מיט פופציק סענט.“ . . .

און אַזוי, מיט שײנע רײדעלאַך, נעמט ער דעם שנײדער, דעם שוסטער, אפילו דעם יעניגן װאָס לײענט קײן אידיש ניט.

— ניט גענוג װאָס איר לײענט קײן אידיש ניט, װילט איר זיך נאָך ענטזאָגן פון אינטערשטיצן דעם אײנציקן זשורנאַל, װאָס האָט אַ באַרעכטיגונג אױף דער אידישער גאַס?“

און אַז איר קענט ניט פאַרשטײן קײן פילאָזאָפיש בוך, האָט איר דאָך אַמװײניגסטן געמעגט װיסן אַז אַ פילאָזאָפיש בוך דאַרף אָפּ־געשעצט װערן! אײן שורה אַ פילאָזאָפישע האָט דאָך מער די װערט פון צװײ דאָלער מיט פופציק סענט, און דאָ קומט מען צו אײך, מ'גיט אײך אַ זשורנאַל יעדן חודש, און צװײ דיקע בענד פילאָזאָ־פיע אַלס צוגאָב!“

און אַז איר זענט אַ געגנער פון דעם זשורנאַל, פון דער ריכטונג?

— װי קענט איר גאָר זײן אַ געגנער, אַז איר לײענט ניט דעם זשורנאַל? איר דאַרפט דאָך אים לײענען כדי אים צו קענען קרי־טיש אַנאַליזירן!“

— זײט ניט קײן קרעמער! אַזאַ זשורנאַל טאָר מען ניט מעסטן מיט קײן קרעמעריש מעסטל, מען דאַרף זיך ניט אַרױסװײזן אַזױ

קליינלאַך. . . . בקיצור, נו . . . אַף אַ האַלב יאָר, מיט די ביכער . . . איין דאָלער מיט פינף און זיבעציק סענט. אָט אַזוי! און זייט אייך געזונט! — און איצט מיינט איר, אַז איר מוזט לייענען? ניין, קיינער וועט אייך ניט צווינגען . . . פאַר מיר איז גענוג, אַז עס דרוקט זיך, אַז עס דערשיינט, אַז יענער שרייבט, און אַז איך פאַר־שפּרייט קולטור!"

און אין וועלכע שטאָט איר קומט, דאָרטן טרעפט איר אים.

צו וועלכן פאַראיין איר זאָלט ניט באַלאַנגען, דאָרטן קומט ער, און ער האָט איבעראַל אַ וואָרט — ער גיט עצות, ער רעקאָמענדירט פּאָרשלאָגן, און ער פירט זיי דורך — ער פירט יעדן פאַראיין אַף אַ שטריקעלע . . . ער שמאָגלט אַריין די קולטור צווישן די פאַר־ביסנסטע געגנער, רעאַקציאָנערן. . . .

— ווער הערט זיי? זיי זיינען דאָך חמורים! . . . זיי ווייסן דען וואָס קולטור איז? אָבער געלט, עס מעג דאָך זיי קאָסטן אַ פּאָר סענט?"

און יאָר איין, יאָר אויס, פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, וואַנדערט ער מיט דעם פּאַק אַפּ'ן האַלדז און ער טוט די אַרבעט — ער פאַרשפּרייט קולטור.

און ווען ער איז אין שטעטל איז כסדר שמחות — מען זינגט, מען טאַנצט, מען דערציילט מופתים פון רבי'ן, וויצן פון די אַבאָנירטע, און מען פאַרשפּרייט קולטור.

ער האָט ניט קיין ווייב, קיין קינד, קיין רינד.

— דאָס איז מיין ווייב! — ווייזט ער אַף די פילאָזאָפישע ביכער, מיט אמת'ן שטאָלץ.

— דאָס זיינען מיינע קינדער . . . צוועלף קינדער יעדן יאָר — ווייזט ער אַף די העפטן.

— מיין באַשעפטיגונג?"

— קולטור. איך פאַרשפּרייט קולטור . . . איז דאָס אייך נאָך ניט גענוג?"

— איך אַרבעט ניט פאַר שכירות . . . הוצאות, און דאָס אַלעס!"

ער איז אַ זעלטענער טיפּ. פאַראַן הונדערטער אַגענטן, אַלע ווילן איר אים נאָכמאַכן, נאָר עס גייט ניט!

ער איז אַ „קולטור טרעגער"!

צוויי־און־אַכציק

געקומען „רעטייערן" פון אידישקייט

— איך האָב זיך אָבער געבעטן בא זיי: וואָס האָט איר צו מיר? וואָס איז דאָס פאַר א „רעטייערן"? אז איך בין ניט קראַנק, און דאַרף ניט „רעטייערן!"

נו, זעט איר דאָך, בין איך משוגע געוואָרן און געפאָלגט דאָס ווייב מיט׳ן דאָקטאָר, מיט מיין חזן פון דער שול, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אף מיר און ניט אויפגעהערט צו טענה׳ן אין איין קול: „איר דאַרפט און איר מוזט, און איר זאָלט „רעטייערן", און אז איר וועט „רעטייערן", וועט איר ערשט אַליין זען ווי גוט עס איז צו לעבן אף דער וועלט." . . .

נאָר פאַרוואָס זשע מיינט איר האָבן זיך אַלע פלוצלינג אָנגעזעצט אף מיר, אז איך זאָל „רעטייערן"? איז אזא מעשה:

אָט ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך דאַכט זיך, הלואי אף אַלע גוטע פריינט געזאָגט געוואָרן, ניט קיין חולה מסוכן, און דער דאָקטאָר אַליין זאָגט מיר, אז איך דאַרף ניט קיין מעדיצין, און מעג אַלצדינג עסן, און אפילו מאַכן א שנאַפּס, יאָ; נאָר וואָס זשע דען, איר וועט לאַכן, איין קליניקייט: מיטינגען. מיטינגען, זאָגט דער דאָקטאָר, איז מיין אומגליק. איך זאָל זיך ניט דערוועגן צו גיין צו קיין מיטינגען, ווי גאָט איז מיר ליב, און דאָס לעבן איז מיר טייער.

סטייטש, וועט איר דאָך מיר זאָגן: וואָס געהער זיך אָן א פּאַטש צו א גוט שבת? וואָס האָבן מיטינגען צו טאָן מיטן ביסל געזונט? איז אָבער די מעשה, פאַרשטייט איר מיך, אז איך בין א איד א באַלעבאָס, שוין עטלאַכע־און־פערציק יאָר אין אמעריקע, און האָב פיינט זיך צו לאָזן פירן פאַר דער נאָז, און דערצו, דאַרפט איר טאַקע וויסן, אז איך בין א איד א גיבער — אף א שול גיב איך, און אף א מושב זקנים גיב איך אויך ברוך השם, און אף א תלמוד תורה דאַרף מען גיבן, און אף א בית יתומים מוז מען גיבן, און א ישיבה איז דאָך גאָר א פיינע זאַך! און אז אידן דערשמעקן אז איר גיט געלט,

גיט מען דאָך אייך אביסל כבוד אויך, און וועלכער איד האָט עס פיינט כבוד? איז וואָס זשע קלערט איר? אַז מען גיט פינף הונ־דערט דאָלאַר אַף אַ שול, וועמען וועט מען מאַכן פאַר אַ „באָרד אָוו דירעקטאָר", האַ? אָדער אַז מען גיט טויזנט דאָלאַר פאַר אַ מושב זקנים, וועט מען אַנאַנדערן עלעקטן אַף דער „באָרד", וואָס? הײַנט, אַז מען גיט צוויי טויזנט דאָלאַר אַף אַ תלמוד תורה — נו, וועט מען אייך ניט מאַכן פאַר קיין „טרעזשורער"?

בקיצור, אַזוי ווי איך זאָג אייך: אין איין שיינעם טאָג האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך בין שוין דריי מאָל אַ „טראָסטי", צוויי מאָל אַ „טרעזשורער", און פינף מאָל „האָנאָרערי טשערמאַן".

בין איך דאָך אָבער אַ איד, וואָס האָט אַ טבע זיך אויפצורעגן, און אַז איך נעם אַ וואָרט צעהיץ איך זיך, און אַז איך צעהיץ זיך, נעם איך זיך קאָכן; הײַנט אַז איך נעם אַ וואָרט, און בין שוין אויפ־גערעגט, הערן דאָך די אויערן ניט וואָס דאָס מויל רעדט, העלפט גאָט, און דער „טשעירמאַן" גיט אַ קלאַפּ מיטן האַמער און גיט מיר אַ זאָג אָפּ אַ פסוק:

— יור אוט אָוו אָרדער, סיט דאַון, פּליעז!"

און אַן אויפגערעגטער מענטש בין איך, פאַרדריסט דאָך מיך די מעשה, און איך גיב אים אַ זאָג צוריק: „יור אוט אָוו אָרדער — יו סיט דאַון, פּליעז!"

שעמט זיך ניט דער „טשעירמאַן" און גיט מיר אַ זאָג, שוין אַף אידיש:

— מיסטער מוישע, אַז איר וועט זיך ניט אַוועקזעצן שטיל, וועלן מיר אייך מוזן בעטן אַז איר זאָלט פאַרלאָזן דעם זאַל!"

פויל איך זיך ניט מן הסתם און ענטפער אים: — אָט לויף איך און פאָלג אייך!"

פוילט ער זיך ווידער ניט און ענטפערט:

— מיסטער מוישע, בעסער פאָלגט יאָ, ווייל אַז איר וועט ניט פאָלגען, וועל איך אייך הייסן אַרויספירן. . . ."

איצטער שטעלט זיך שוין אַליין פאָר, וואָס עס האָט זיך אָפּ־געטאָן באַ דעם מיטינג: ער האָט געשריגן: „יור אוט אָוו אָרדער",

און „סיט דאון“, און איך האָב געשריגן: „יור אוט אָוו אָרדער“ און „סיט דאון“; דערנאָך האָט ער געשריען: „געט אוט, אָר אַל אָרדער יו אוט“, און איך צוריק — „אַל אָרדער יו אוט. . . .“ דער סוף איז געווען אַז עס האָט זיך אויפגעשטעלט אַ איד, און אַ פּאַנפּע געטאָן אונטער דער נאָז: „קוועסטשען איז טייבלד, הי קענט מייק נאָ מאָושען.“ בין איך דאָך נאָך מער אויפגעקאָכט געוואָרן, און אַז איך צעקאָך זיך נעם איך זיך היצן, און אַז איך היץ זיך, הערן דאָך שוין ניט די אויערן וואָס דאָס מויל רעט, שטיי איך אַזוי און רעד, און היץ זיך . . . מיטאַמאָל שטעלט זיך אויף אַ איד און גיט אַ זאָג אָפּ אַ פּסוק:

— איך מאַך אַ פאָרשלאָג צו שליסן די זיצונג.“

און אַנאַנדערער פוילט זיך ניט און גיט אַ געשריי: „אונטערשטיצט!“

און דער „טשעירמאַן“ גיט אַ מאָל אָפּ אַ נייעם פּסוק:

— אַ פאָרשלאָג איז געמאַכט געוואָרן און איז אונטערשטיצט, אַז מען זאָל שליסן די זיצונג, אַלע וועלכע זענען דאַפיר, זאָלן מיט יאַ באַצייכענען; דאַגעגן — קיינער ניט; די יאַ האָבן עס! אַ קלאַפּ מיט'ן האַמער, — די זיצונג איז געזעצליך געשלאָסן!“ אַלע גיבן זיך אַהייב פון די פּלעצער, און איך כאַפּ זיך אַז איך, איינער אַליין, שטיי, און רעד צו די בענקלאַך מיט די ווענט. . . .

נו, וואָס זאָגט איר, קען ניט די גאַל צעפּלאַצט ווערן?

— ווער איז דיר שולדיק — מאַכט צו מיר די ווייב איינמאָל, אַז איך קום אַהיים און דערצייל איר, ווי מען האָט געשלאָסן די זיצונג, און איך בין געבליבן רעדן פאַר די ווענט מיט די בענקלאַך — ווער איז דיר שולדיק, אַז דו ביזט אַ נערוועזער מענטש, און אַז דו נעמסט אַ וואָרט, הויבסטו זיך אָן צו היצן, און אַז דו צעהיצסט זיך, ווערסטו אויפגעקאָכט און אויפגערעגט, און אַז דו ביזט אויפגערעגט, הערן ניט די אויערן וואָס דאָס מויל רעט, און דו באַליידיקסט מענטשן, האַ?“

איר הערט כאָטש, מיין אייגענע ווייב וויל מיר שוין אויך איינרעדן אַז איך בין אומגערעכט. איך זאָג אייך, אַז מען קען פון זיי צעפּלאַצט ווערן פאַר ערגערניש. . . .

פינף־און־אַכציק

ווער איך דאָך שוין אין כעס אַף דער ווייב און לויף אַרויס פון הויז. וואוהין זשע זאָל איך גיין, אז איך האָב אַזוי פיל סאָסייעטיס מיט „מיטינגען"? בין איך טאַקע אריין צו אַ „מיטינג."

היינט אַז אַן אויפגערעגטער בין איך שוין געקומען פון דער היים, און אַף צו להכעיס, אַזוי ווי איך נעם דאָס ערשטע וואָרט און גיי עפּעס זאָגען, שטעלט זיך שוין אויף אַ איד, און גיט אַ געשריי: „מיסטער טשעירמאַן, הי איז אוט אָוו אָרדער . . . " ניט אַנדערש, נאָר איך זאָג אייך אַ פאַרשווערונג. . . .

הכלל, אין אַ שיינעם אַפדערנאַכט, עפּעס האָב איך זיך צופיל אויפגערעגט באַ אַ מיטינג, איך קום אַהיים, די ווייב קלאָגט, די קינדער וויינען, דער דאָקטאָר איז אויך אויסגעוואַקסן אין מיטן דער סצענע, און מיינע גוטע פריינט מיט'ן חזן פון דער שול זענען אויך דאָ, כאָטש קיינער האָט ניט געשיקט נאָך זיי, און אַלע אין איין קול — ווי גאָט איז אייך ליב, איר מאַכט זיך אומגליקלאָך מיט אייערע מיטינגען . . . רב מוישע, טוט אַ קלוגע זאַך — די קלוגסטע זאַך אַף דער וועלט — „רעטייערן", „רעטייערן", ניט אַנדערש, ווי נאָר „רעטייערן" ! ! !

וויפיל איך צע'טענה ניט מיט זיי: איך בין ניט קראַנק, און ניט אַלט, עס איז מיר גאָרנישט. אדרבה, איך האָב ליב די שול, מיט'ן מושב זקנים, מיט'ן בית יתומים — עס איז באַ מיר דאָס חיות מיט דער נשמה, אַ שטיק לעבן — איך האָב ליב צו נעמען אַ וואָרט, און עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט . . . איך דאַרף ניט און וויל ניט „רעטייערן" ! ! !

רופט זיך אָן די ווייב צו מיר:

— הער זשע אויס, מוישע, אָט הערן מענטשן, אַלע אונזערע גוטע פריינט, זאָלן זיי זיין עדות: אויב דו וועסט היינט ניט רעטייערן", גיי איך שוין אוועק פון הויז, אָט די מינוט, דו הערסט, מוישע!"

זאָגן די קינדער: „פּאַפּא, אויב דו טוסט ניט ווי די מאַמע בעט זיך באַ דיר, גייען מיר אַלע אוועק פון הויז, און וועלן דיין שוועל מער ניט אַריבערטרעטן, דו הערסט, טאַטע, מיר וועלן גיין אַרבעטן און מאַכן אַן אָרעמען לעבן!"

זעקס־און־אַכציק

איר הערט כאָטש ווערטער? מיינע קינדער וועלן מיר אָנטון אַזאַ חרפּת־בושה און וועלן גיין אַרבעטן? וואָס זשע, עס פעלט זיי חלילה אויף ברויט, צי אויף אַ קליידל, הא? קומט מיין דאָקטאָר און שמעלצט מיר צו צום איבעריקן:

— רב מוישע, איך בין אייער פאַמיליען דאָקטאָר, און איך פאַר־שרייב אייך דאָ אַ רעצעפּט, און אויב איר ווילט נאָך לעבן אויף דער וועלט, מוזט איר אויסנעמען דעם רעצעפּט און זיך ראַטעווען אייער לעבן מיט'ן געזונט."

און איידער דער דאָקטאָר ענדיקט, כאַפּן אַלע אונטער אין איין קול, ווי אין אַ כאָר — דאָס ווייב, די קינדער, די גוטע פריינט מיט מיין חזן — אַלע אין איין אָטעם:

„ר ע ט י י ע ר ן!"

געפילט האָב איך, אַז מען קוילעט מיך אָן אַ מעסער; ממש, מען נעמט און מען זאָגט מיר, שונאי ציון, אויף דאָס לעבן; אָבער אַ ווייב איז דאָך אַ ווייב, און קינדער זענען דאָך קינדער, און צו מיין דאָק־טאָר האָב איך זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט, ווי צו אַן אייגענעם מענטשן, און דער חזן איז דאָך מיר געווים אַ גוטער פריינט; מילא, בקיצור, איך האָב ניט געוואָלט, ניט געוואָלט, נאָר איך האָב גע־מוזט פאָלגן, און זיי געגיבן אַ וואָרט, אַז איך וועל „רעטייערן".

וואָס זשע טוט מען אַז מען „רעטייערט" און מען איז פאָרט ניט קראַנק, און עס טוט קיין זאַך ניט וויי, און זיצן ליידיק בין איך ניט געוואוינט, און וואָס צו טאָן האָב איך ניט, און געלט איז דאָ אַ סך? זאָגט דער דאָקטאָר, איך דאַרף בייטן דעם קלימאַט, און אַוועקפאָרן קיין קאַליפאָרניע — מילא, זאָל זיין קאַליפאָרניע.

— קאַליפאָרניע — זאָגט דער דאָקטאָר — האָט נאָר לימענעס מיט מאַראַנצן, מיט פּאַלמעןביימער, אַ שטילן ים, און אַ בלויען הימל, מיט שיינע בערג, און ווייטער גאָרניט. . . ." דאָ קען מען זיך שוין ניט קאָכן און ניט קהל'ן, זיך ניט היצן און ניט אויפרעגן — עס איז אַ מחיה צו לעבן אין קאַליפאָרניע.

פאַרפאַלן, צוגעזאָגט „רעטייערן" איז „רעטייערן"... האָב איך גענומען מיין ווייב און בין מיט איר אַוועקגעפאָרן אין לאָס אַנגע־לעס, קאַליפאָרניע, הייסט עס.

נו, אָפּגעזעסן אַ פּאָר טעג אין האָטעל, וועל איך זיך דאָך ניט גיין פאַרשפּאַרן אַף אייביק. נעם איך דעם אויטאָמאָביל און פאָר זיך דורך באַטראַכטן דעם אידישן געגנט, איך האָב זיך שוין פּשוט פאַרבענקט נאָך אידן. פאָר איך מיר אַזוי מיט דעם אויטאָמאָביל דורך דעם „דאַון טאַון" ביז צו טעמפּל סטריט, און קום אָן צו אַליוו סטריט, שטייט זיך אַ אידישע שול און קוקט אַרויס מיט אַ שיינעם אויפשריפט: „קאָנגרעגיישן אַליוו סט., בית ישראל, און עס ניט מיך עפּעס ווי אַ צי באַם הארצן. איך שטעל זיך אָפּ, און וויל אַריינ־גיין אין שול אריין: כ'לעבן, שוין אַזוי לאַנג ניט געווען אין קיין שול, און איך חלש שוין אַזוי צו הערן עפּעס אַ אידיש חזניש שטי־קעלע, עפּעס אַ מין:

— הש־כי־בינו — ד׳ אלוק־ינו — ל־ש־לום!"

אָדער, וויים איך, עפּעס פון ראש חודש בענטשן:

— חיים של פּרנסה — אוי וויי, חיים, חיים! — אוי וויי — חיים!"

גיט מיר מיטאַמאָל די ווייב אַ צי פאַר'ן אַרבל:

— מוישע! מוישע! ווי גאָט איז דיך ליב! זיץ און ריר זיך ניט פון אָרט, ווייל אַז דו גייסט אַרונטער אין שול אַריין, פאָר איך שוין אַוועק פון קאַליפאָרניע — מוישע, געדענק!" און זי פאַר־ברעכט ביידע הענט און הויבט אָן צו יאָמערן: „מוישע, דו מאַכסט זיך אומגליקלאַך, מוישע!"

בלייב איך שוין זיצן אין געהאַקטע וואונדן, איך ריר זיך ניט פון אָרט, און אין הארצן קלער איך מיר: רבונו של עולם, וואָס האָט מען צו מיר? וואָס איז דאָס פאַר אַ קללה דאָס „רעטייערן"? און די ווייב גיסט מיט טרערן און וויינט — פאָר שוין אַוועק פון דער שול! וואָס האָסטו זיך דאָ אַוועקגעשטעלט? ווילסט דאָ בלייבן נעכטיקן?"

אַנטלויף איך שוין אַהיים. אַ סוף, זאָל זיין שטיל. . . . אַף מאָרגן, מען פאָרט אין אַנאַנדער געגנט, אין ווילשייער, דער שענ־סטער געגנט, העלפט ווידער גאָט — פירטע און ווילשייר, אהא, ווידער אַ שול, „קאָנגרעגיישן סיני"!

אָבער די ווייב זיצט און טרייבט — ווייטער, פאָר ווייטער, מוישע, דו וועסט זיך דאָ ניט אָפּשטעלן."

עטלאכע טעג שפּעטער, זי וויל מען זאָל פאָרן אין האליוואוד. נו, זאָל זיין האליוואוד; אָבער, איר הערט, ווי אַף צו להכעיס, בלייב איך אָן „געז", און ווייסט איר וואו? דוקא אַף אָרגייל און היילענד עווענין, וואָס אמאָל איז דאָ געווען א „טשוירטש", נאָר איצט איז עס „טעמפּל איזראעל אָוו האליוואוד"....

נאָר די ווייב זיצט און היט מיך — דו לייג זיך נאָר ניט קיין פייגעלאך אין בוזעם, מוישע, דו וועסט ניט ארייננגיין...."

און זי טענה'ט: „איך זע דאָך שוין, אז גאַנץ לאָס אַנגעלעס איז פון אלע זייטן פארבויעט מיט שולן און מיט טעמפּלען, טו לאָמיר שוין בעסער ארויסציען צום ים; מיר וועלן זיצן באַם ים, און א סוף זאָל עס נעמען!"

וועט איר מיר גלויבן, דעם ערשטן טאָג וואָס מיר ציען אריבער צום ים, גיי איך מיט דער ווייב שפּאַצירן באַ דעם ברעג ים, און עס נעמט ניט קיין פינף מינוט, קומט אָן א איד און רופט זיך אָן צו מיר: „האָט רחמנות, פארדינט א מצוה, עס פעלט א צענטער צום מנין, קומט אריין צו מנחה...."

מילא, איך האָב גע'פּועל'ט באַ דער ווייב. זי איז נאָכגעגאַנגען, איז געשטאַנען אין שול ביז איבער מנחה, און מיך גלייך אוועקגע־שלעפּט פון מנין, און איידער זי האָט מיך ארויסגעפירט, האָט זי א געשריי געגיבן:

— וועט זיין גענוג פאַר א קראַנקן אידן, וועמן דער דאָקטאָר האָט אוועקגעשיקט קיין קאליפאָרניע צו „רעטייערן"....

נאָר א פּנים, אז די קאליפאָרניער שולן האָבן באַקומען מיין נאָ־מען און אדרעס פון דער באַן קאָמפּאַני, און אפשר גאָר פון דער באַנק, מחמת אַף מאָרגן, האָב איך באַקומען איינלאַדונגען פון אלע שולן און פון אלע טעמפּלען פון לאָס אַנגעלעס און פון האליוואוד, און יעדע שול האָט מיר געלאָזט וויסן, אז עס פרייט זיי, וואָס איך בין אין קאליפאָרניע, און זיי האָפן, אז איך וועל ווערן א מיטגליד און וועל דאָ פאָרטזעצן מיין טעטיקייט, ווי אין דער היים, אין דער „איסט"....

האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט, און זיך גענומען גרייטן צו גיין צו מיטינגען, און האָב געפילט אז עס וועט מיר צוקומען א שטיק געזונט....

נײַן־און־אַכציק

עס האט מיר גענומען א גאנצן טאג איבערצולייענען די אלע איינלאדונגען, און איידער איך בין פארטיק געווארן, בין איך אריינ־געפאלן אין א היץ־פיבער, און ווען איך האב זיך אויפגעכאפט און שוין געפילט בעסער, האט מיך די ווייב אנגעזאגט א בשורה:

— מוישע, דאנקען גאט, מיר זענען שוין פטור געווארן פון קאליפארניער שולן אויך. מעגסט שוין זיין רואיק, גאט צו דאנקען, מיר זענען אין מעקסיקאלי — אין פיבער, האט מען אונז איבער־געצויגן אין א קליין שטעטל אין מעקסיקא — ניטא קיין שולן, מיט קיין טעמפלען, מיט קיין רבנים; דא איז ניטא אפילו קיין מנין, קיין חזן, קיין רעווערענד, מוישע. דא וועט זיין א מחיה צו „רעטייערן".

ווי איר קוקט מיך אן, שווער איר אייך בא מיין לעבן, וואו איך האב ערגעץ א שונא, ווינטש איך אים ער זאל איבערקומען אף מיינע צרות, אז דאס ווייב מיט די קינדער, מיט דעם דאקטאר, מיט אלע גוטע פריינט, זאלן אים נאר טאן, וואס מען האט מיר געטאן — צווינגען צו „רעטייערן" — וועט ער מיר צו גלויבן קומען. . . .

אוי, „רייטייערן" פון אידישקייט ! ! ! !

נײנציק

קריזים

דערלעבט נחת . . .

אז איר וועט ניט לאַכן פון מיר, וועל איך אייך עפּעס דערציילן, טאַקע וועגן דעם איצטיקן קריזיס. איר הערט: גייט דאָך אַרום אַ וועלט און זאָרגט זיך; מען שטאַרבט פאַר הונגער, ניטאָ אַפילו קיין דירה־געלט; אמת, איר מעגט עס גלויבן, עס איז ריכטיק. טאַקע ווי מיין ווייב זאָגט: חוץ דעם וואָס די צייט איז זער שלעכט, איז נאָך אַ „דעפּרעשן" אויך.

פונדעסטוועגן שעם איך זיך אייך אויסצוזאָגן, אַז מיך האָט געטראָפן אַ גליק. שטילערהייט, אין האַרצן, טוט מיר שטאַרק הנאה פון דעם גאַנצן עסק, פון דעם קריזיס, מיט דער „דעפּרעשן", און איר זאָלט ניט מיינען, אַז איך בין משוגע, צו חסר־דעה, און איך ווייס ניט וואָס איך רעד.

אָט, ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך שוין אין אַמעריקע, אַ דריי צענדליק יאָר; איר דאַרפט וויסן, אַז איך בין געווען אין אַמעריקע, נאָך פאַר די קעשענעוועער פּאָגראָמען; יאָ, און פונדעסטוועגן, רעד איך נאָך אידיש, און שבת איז שבת, יום טוב איז יום טוב — דער אייגענער גאָט אומעטום — און איך בין ניט געפלויגן אין דער לופטן, אַמעריקע האָט מיך ניט איבערגעשמד'ט, איך האָב ניט פאַרריסן די נאָז, און ניט איינגעלייגט די וועלט.

נאָכן קעשענעוועער פּאָגראָם, האָב איך אַריבער געבראַכט די משפחה, און גלאַט קרובים, און האָב זיך געפרייט — עס וועט זיין אַ היימישער מענטש, מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, מען וועט זיך דערמאָנען אין די אַמאָליקע גוטע יאָרן, אַ חיות.

איז אַזוי: איך ברענג אַריבער אַ שוועסטער־קינד — אַרעם, דערשלאָגן, נאַקעט, באָרוועס — האַלט איך אים אָפּ באַ זיך אין הויז גרינערהייט, דערנאָך באַזאָרג איך אים מיט אַרבעט, און זע אַז ער זאָל ווערן אַ לייט; טוט ער מיר אָפּ אַ שפּיצל, און אַזוי גיך ווי ער גרינט זיך נאָר אויס, גייט ער און בייט איבער דעם נאָמען. איר פאַרשטייט, דער נאָמען געפעלט אים שוין ניט. . . . מיר שטייט אָן

צו הייסן ווייסמאַן, מרדכי ווייסמאַן, און ער — פּלוצלינג — אויס ווייסמאַן, ער הייסט שוין „מיסטער וווהייט״. נאָר, איר ווייסט דאָך, אייער קאָפּ קענט איר אַף יענעם ניט אַרויפזעצן, זאָל זיין אַזוי.

און וואָס נאָך: איך האַלט אים בײַ מיר אין הויז, ווי אַן אייגן קינד; מיטאַמאָל, געפעלט אים שוין ניט דער געגנט, און ער ציט זיך אַרויס, אַזש ווייסיך, ערגעץ אין ניו־דזשערסי.

— ניו־דזשערסי געפעלט אים, עס איז ניט ניויאָרק. אין ניו־יאָרק — טענה׳ט ער — קען מען זיך קיינמאָל ניט אויסגרינען. . . . פאַרשטיי איך דאָך שוין, אַז דאָס גיט ער עס מיר אַן אָנצוהערעניש, אַז איך, דער פעטער זיינער, בין געבליבן אַ גרינער, און געפעל אים ניט.

אַרויסגעצויגן קיין ניו־דזשערסי, האָב איך אים שוין אין די אויגן ניט אָנגעזען, און טאָמער איז ער שוין יאָ אַמאָל אין אַ יובל געקומען צו גאַסט, האָב איך געפילט אַז דאָס איז נאָר פון יוצא וועגן, און וואָס אַ יאָר ווייטער, אַלץ זעלטענער האָב איך אים געזען בײַ זיך אין הויז, און אַז איך האָב אים איינמאָל אָנגעטראָפן אין נויאָרק, און האָב אים גענומען פרעגן:

— סטייטש, וואָס האָב איך דיר אַזוינס שלעכטס געטאָן, פאַר־וואָס קומסטו אַמאָל ניט צעפאָרן, זיך זען מיט דער משפחה?

— ווער האָט עס צייט? — ענטפערט ער מיר, און לייגט נאָך צו:

— משפחה . . . אין אַמעריקע איז ניטאָ קיין משפחה. די באַנק איז די משפחה; „ריעל עסטייט״ מוז מען אָפּהיטן, דעם „סטאָק מאַדקעט״ טאָר מען ניט פאַרנאַכלעסיקן אַלע טאָג. . . .״

הכלל, ער האָט זיך אינגאַנצן דערווייטערט, מען זעט ניט, מען הערט ניט . . . ווי אין וואַסער אַריין.

וואָס דאַרפט איר מער, דאָס איז דאָך ערשט אַ שוועסטער־קינד. וואָס וועט איר זאָגן, אַז איך וועל אייך דערציילן וואָס פאַר אַ שפּיצל אייגענע קינדער — זין און טעכטער, איידעמס און שנורן — האָבן מיר אָפּגעטאָן?

איך ברענג זיי קיין אַמעריקע, אַרבעט שווער און ביטער, שיק זיי אין סקול, צי פון זיך די הויט, און לאָז זיי נאָך שטודירן אויך — איינער ווערט אַ דאָקטאָר, אַ צווייטער אַ לאָיער — און ביז איך

דערלעב, אַ קינד מאַכט דורך „קאַלעדזש", קריכן מיר די אויגן פון קאָפּ; אָבער, גאָט צו דאַנקען, אברהם איז שוין אַ דאָקטאָר, ישראל איז אַ לאָיער, און איך לאָז זיך ווידער קאָסטן און שטעל זיי איין, ווי עס דאַרף צו זיין, איבער די כחות, און איך טראַכט:

— דערלעבט נחת, אויפגעבראַכט קינדער, צו גאָט און צו לייט.

זאָל מיר איינפאַלן, אַז אייגענע קינדער וועלן נעמען און ארויס־ציען פון נויאָרק ערגעץ אין פּענסילווייני, און מען וועט זיי חדשים לאַנג אין די אויגן ניט אָנזען?

און מיינט איר, וואָס האָט עס געמאַכט? געלט. איר פאַר־שטייט. די „פּראָספּעריטי", איך בעט איבער אייער כבוד, האָט מיינע קינדער אַזוי פאַרדרייט די קעפּ, אַז מען האָט געמיינט אַז מ'קען שאַרן געלט.

דאַכט זיך מיר, לויט מיין פּשוט'ן שכל, דו ביזט אַ דאָקטאָר, אָדער אַ לאָיער, מאַכסט אַ שיין לעבן, זיי זשע צופרידן; האָסט דיר געקויפט אַ הויז, דו פאָרסט אין אַ שיינער מאַשין, וואָס נאָך דאַרף מען, הא? נו, זעט איר דאָך, אַ מענטש האָט גרויסע אויגן, און וויל רק פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט. . . .

האָט דער דאָקטאָר מיינער, מיט דעם לאָיער ערגעץ אָפּגעקויפט אַ שטיק לאַנד, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן עסק מיט „לאָטס", מיט „סובדיוויזשענס", אַ מעשה מיט וועלן רייך ווערן, מיט פליען אין דער לופטן; און אַז מען האָט אָנגעהויבן פליען, האָט מען זיך פאַרגעסן אין דעם טאַטן מיט דער מאַמען. און טאָמער איז מען אַמאָל געקומען צו גאַסט איינמאָל אין אַ שמטה, איז מען אריין, „העלאָ" — און באַלד „גוד־ביי", ניטאָ קיין צייט אפילו צו עסן, רעדן, פאַרברייינגען ווי עס דאַרף צו זיין; אַזוי ווי איך זאָג אייך, וואָס רייכער די קינדער זענען געוואָרן, אַלץ ווייניקער נחת האָב איך געהאַט פון זיי. וואָרום, זאָגט מיר, זאָלט איר מיר געזונט זיין; דערויף האָב איך עס געבלוטעט, און געאַרבעט שווער און ביטער אין אַמעריקע, מיינע בעסטע יאָרן, און געשיקט קינדער אין די „קאַלעדזשעס", אַז זיי זאָלן ווערן „ריעל עסטייטניקעס", און טומלען אַף דער בירזשע, ווי אַף אַן עולם התועה? כסדר זיין נער־וועז, און רק דרייען דעם מח, ווי דורכצופירן נאָך אַ „דיעל" און אוועקשטעלן נאָך אַן „אַפּאַרטמענט", און האָבן אין „סייף" נאָך אַ „מאָרטגעדזש"?

פינף־און־ניינציק

היינט, ווער רעט שוין, אַ שנור, אַן איידעם — זיי האָב איך שוין גאָר קיין זכיה קיינמאָל ניט געהאַט אָנצוזען אין די אויגן. . . .

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג אויפהאַלטן — גאָט האָט געהאָלפן, איין שלעכטער יאָר, און אַ צווייטער, און אַ דריטער — עס איז געקומען דער קריזיס „ריעל־עסטייט" איז געפאַלן, און דער „סטאַק מאַרקעט" האָט זיך אויך איבערגעקוליעט — מיינע קינדער, דער דאָקטאָר מיט'ן לאָיער, האָבן געכאַפּט דעם אייגענעם פּסק ווי אַ סך אַנדערע, מען האָט אויפגעהערט פליען אין דער לופטן, און מען איז אַרונטערגעקומען אַף דער ערד. . . .

אודאי טוט מיר ווי דאָס האַרץ, זיי האָבן גע'פּטר'ט גרויסע פאַרמעגנס, אָנגעוואוירן אַ סך שווערע טויזנטער, אמת, אָבער איר הערט, מיינע קינדער זענען צום שכל געקומען: צי דערפאַר, ווייל דאָרטן, אין פּענסילווייניע, האָט מען געלעבט צו ברייט, און איצט פּאַסט זיי ניט צו וואוינען אין אַ ביליגערן אַפּאַרטמענט, ווייל קנאַקן מיט דער בייטש, און פאָרן מיט'ן גרויסן „ראָלס ראָיס", ווי אַמאָל, קען מען ניט . . . און אפשר האָט מען זיך טאַקע געכאַפּט, אַז אַ טאַטע, אַ מאַמע איז ווערט מער ווי געלט. סיי ווי, דער דאָקטאָר איז צוריקגעקומען קיין נויאָרק, און איז געוואָרן מיינער אַ שכן; און דער לאָיער אויך, יאָ . . .ביידע פּראַקטיצירן דוקא צווישן אידן; און דער שוועסטער־קינדל מיינער, פון ניו־דזשערסי, האָט זיך אויך אָפּגעזוכט, ער האָט זיך אויך אָפּגעבריט, און איז אַרויס נקי, יאָ, זאָל אים קיין בזיון ניט זיין. . . .

איר הערט, און אַז עס קומט אַ שבת, אָדער אַ יום טוב, האָב איך דאָך אַ וועלט מיט פאַרגעניגן, איך האָב זיך דערלעבט אַף דער עלטער אמת'ן נחת — עס קומען זיך צוזאַמען מיינע זין מיט די שנורן, און די טעכטער מיט די איידעמס, מיט די אייניקלאך, אַז עס איז אַ מחיה — עס זאָל מיר גאָר ניט פאַרשטערט ווערן. . . .

פריער איז ניט געווען אַ פרייע מינוט אויסצורעדן אַ וואָרט, און אַז מען האָט געבעטן:

— „קינדער, בלייבט אַף וועטשערע, פאַרברענגט אַ פּאָר שעה, וואָס איילט איר זיך?"

האָט מען געקרומט מיט דער נאָז:

זעקס־און־נײַנציק

— עסן? מיר'ן עסן אין רעסטאראַן, ניטאָ קיין צייט."

איצטער, גאָט צו דאַנקן, אין רעסטאראַן אָפּעסן, קאָסט געלט... און צייט איז שוין דאָ אַ סך, קומט אָן דעם טאַטן מיט דער מאַמען אַביסל לייכטער און אָפּטער זיך צו זען מיט די קינדער.

איר מעגט זיך לאַכן פון מיר וויפיל איר ווילט, עס איז אמת, אַ קריזיס, אַ „דעפּרעשן", אָבער גאָט צו דאַנקן, איך האָב אַ טרייסט: דערלעבט נחת אין די קינדער.

און אַז מיין לאָיער און דער דאָקטאָר, און מיין איידעם, דער אַמאָליקער גרויסער שיסער, אַז אַלע קומען זיך צענויף צו מיר אָן אָפּדערנאַכט מיט ווייב און קינדער, און מען זעצט זיך צום טיש עסן, און נאָכן עסן איילט מען זיך שוין ניט אַזוי ווי אַמאָל, צו אַנט־לויפן אַ היים, איז דען עמיצער צו מיר גלייך? עס איז דאָך אַ נחת... אַ גרויסער נחת, פאַר טאַטע מאַמע!...

מיר איז גוט, ס'איז אַ קריזיס!

„אַז גאָט וויל איינעם העלפן, און עס איז באַשערט אויפגעריכט צו ווערן, איז קיינמאָל ניט שפּעט, אפילו אין אַ שלעכטער צייט — אין אַ קריזיס."

מילא, קענט איר דאָך מיך שוין ניט פון נעכטן, האַ? אַ באַלע־באַטישער איד פון דערהיים, פון סניטקיוו, און טאַקע דער אייגענער איד, איך האָב דאָרטן געהייסן משה יאָסל גולקאָ, און האָב מיר גע־פירט מסחרים, געווען אַ „יאַיעטשניק" (אייער־פּאַרקויפער), און אַז איך בין אָנגעקומען אַהער, האָב איך די ערשטע צייט געאַרבעט באַ יענעם, בין געוואָרן אַן אייער־„קענדלער", און האָב זיך צוגעשלאָגן צו אַ שטיקל מסחר, טאַקע אַן אייער־געשעפט, און גאָט צו דאַנקען, ניט צו פאַרזינדיקן . . . וויפיל געלט איך האָב געבראַכט פון סניט־קיוו, האָב איך נאָך אפילו איצטער, אין די שלעכטע צייטן, אין דעם קריזיס.

וואָרום, לאָמיר זיך ניט נאַרן, וואָס איז, די וועלט גייט אונטער? מענטשן האָבן אויפגעהערט צו עסן, האַ? אָדער עמיצער גייט נאַקעט, צי חלילה, מ'שלאָפט אויף גאַס?

גלויבט מיר, דעם אמת גערעט, האָט אונז אַמעריקע צעלאָזן, איבערגעפירט, צעשטאָפּט די העלדזער, און גאָרניט — מ'טומלט, מ'שרייט גוואַלד, קריזיס!

איר זענט דאָך דאַכט זיך אונזערער אַ לאַנדסמאַן, פון סניטקיוו, האַ? נו, ווען איז דאָרטן ניט געווען קיין קריזיס? זאָגט מיר, ווען האָב איך, אָדער איר געהאַט טויזנטער? אָדער ווען האָבן סניטקיווער סוחרים ניט געדאַרפט דרייען דעם מח אויף אַ גמלת חסד, מיט וואָס צו פאָרן אויפן יאַריד, און דרייען זיך מיט די וויסטע מסחרים, האַ?

פאַר'ן יאַריד האָט מען געליען אַ גמלת חסד, געהאַנדלט, גע־מסחר'ט, געדרייט מיט דער וועלט, געקויפט שאַטינע, חזיר־האָר,

קלאָטשע, קעבעבע, אייער, ווייץ, און נאָכן יאַריד — אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ — צוריקגעגיבן דעם גמלת חסד, און ווי עס איז, גאָט צו דאַנקען, מען האָט אויסגעדרייט אַ געבעקל ברויט, חלה אַף שבת, און נאַקעט, באָרוועס איז מען אויך ניט געגאַנגען. אמת, איידער מען האָט אָנגעטאָן אַ קינד אַ מלבוש, זענען די אויגן געקראָכן פון קאָפּ, ווער שמועסט, חתונה מאַכן אַ קינד, איז דאָך געווען קריעת ים־סוף, ניט אַזוי, האַ? פונדעסטוועגן איז די וועלט געווען אַ וועלט, סניטקיוו האָט געהאַט קליינע קבצנים, גרעסערע, און גאָר גרויסע, נאָר אַלע האָבן געגעסן ברויט אַ גאַנצע וואָך און שבת האָט מען אין אַלע הייזער געגעסן חלה, קיינער איז ניט געגאַנגען נאַקעט, אַלע האָבן חתונה־געמאַכט קינדער מיט כלי־זמר, פון קורילאָוועץ, אָדער פון באַר; נגידים האָבן אַראָפּגעבראַכט משה׳לען, אַזש פון מאָליוו, נאָר וואָס־זשע איז געווען די מעלה? וועט איר הערן: אין סניטקיוו האָט מיין חיה געוואוסט, אַז גנעסי די נגידת׳טע איז טאַקע אַ נגידת׳טע, און חיה, משה יאָסל דעם „יאַיעטשניק׳ס“, איז חיה, און דאַרף ניט נאָכטאַנצן גנעסין.

דעריבער איז מיר אין אַמעריקע געוואָרן שלעכט; און ווייסט איר ווען? טאַקע ערשט אין די גוטע צייטן. אָט וועל איך אייך ווייזן: איך קום צופאָרן פון סניטקיוו קיין נויאָרק, דאָרטן האָט די הוצאה באַטראָפן פיר קערבלאַך אַ וואָך, און חיה האָט געהייסן אַ שיינע באַלעבאָסטע; און אַז איך האָב איר געגיבן אַ קערבל אַף שבת, איז געווען גאָט צו דאַנקען דערפאַר. פאַרדין איך די ערשטע צייט אין אַמעריקע צען דאָלער אַ וואָך, און גיב איר עס אַוועק מיט׳ן קאָנווערטל, און אַז איך ברייננגט פופצן, און צוואַנציק, און אַרבעט זיך אַרויף אַף פינף־און־דרייסיק, איז גוט און וואויל ווי די וועלט; נאָר אַז גאָט העלפט, איך גרין זיך אויס, און עפן אַ געשעפט און עס גייט אַוועק גוט, און איך שפּאָר אָפּ אַ דאָלאַר אין דער באַנק, פאַרגעסט שוין מיין חיה צו זאָגן — גאָט צו דאַנקען דערפאַר — און זי הויבט מיר אָן ווערן אַ גאַנצע „ליידי“. איז טאַקע שלעכט, זייער שלעכט.

אין סניטקיוו האָב איך געוואוינט אַף דער „טאַראַוועצע“, און די ציגן האָבן מיר געשלעפּט דאָס שטרוי פונ׳ם דאַך; און דאָ האָט זי מיטאַמאָל געוואָרפן אַן אויג׳חן אַף בראָנזוויל, כאָטש עס איז שיין, לופטיק און ליכטיק — אַ חיות, און טאַקע צווישן אייגענע

מענטשן. די דירה איז ביליג, לעבנסמיטל אויך ניט טייער, דאַכט זיך, ניטאָ וואָס צו זינדיקן, האַ?

אָבער, אַז איין ווייבל האָט גאָט געהאָלפן, און דער מאַן אירער האָט מצליח געווען, ער איז געוואָרן אַ „מאַנופעקטשורער" און האָט געמאַכט אביסל געלט, דאַרף דאָך דאָס ווייבל געפינען אַ מיטל ווי דאָס געלט אויסצוברייינגען, האַ? האָט דאָס ווייבל די ערשטע אַרויסגעצויגן פון בראָנזוויל, אַזש קיין בראָנקס, פּאָלג מיך אַ גאַנג, בסך הכל נעמט לייינגער צו שלעפּן זיך אין די בראָנקס ווי קיין בראָנזוויל. נאָר ניכיי וואָלט דאָס ווייבל אַרויסגעצויגן, און צורו געלאָזן חיה'ן אין בראָנזוויל, ניין! קומט זי צו חיה'ן צו גאַסט, און הויבט אָן קרומן מיט דער נאָז:

— וויפיל איז דער שיעור צו ליגן אין בראָנזוויל, חיה? וואָס זשע, אייער משה־יאָסל מאַכט קיין לעבן ניט? וואָס וועט איר אויסזיצן אין בראָנזוויל? וועלכער געשעפטסמאַן ציט היינט ניט אין די בראָנקס?"

מער האָט חיה ניט געדאַרפט. פלוצלינג, איך דערהער אַז חיה'ן געפעלט שוין אויך ניט בראָנזוויל, און זי רעט מיר שוין אַ שידוך:

— כ'לעבן, לאָמיר ציען אין די בראָנקס, וואָס אַרט דיך, דאָרטן איז שענער, באַקוועמער — וואָס־זשע די געשעפטן טראָגן דיר ניט?"

וואָס טויגן אייך מעשיות, איך האָב געצויגן אין די בראָנקס. האָט איר נומער איינס.

און מיינט איר נאָר דאָס, איז אַזוי: חיה'ס שכנה האָט אַריינ־גענומען אַ טעלעפאָן אין הויז אַריין, זאָל זי! מיין עסק? אין גע־שעפט דאַרף איך, מוז איך האָבן אַ טעלעפאָן, אָבער אין הויז? אין סניטקיוו האָט מען געקענט אינגאַנצן אויסקומען אָן אַ טעלעפאָן, און דאָ מוז איך האָבן צוויי טעלעפאָנס, ניט אַנדערש, איך מוז רייך מאַכן די טעלעפאָן קאָמפּאַני, האַ? אָבער אַז חיה'ס שכנה האָט שוין אַ טעלעפאָן, קומט זי צעלויפן:

— חיה, ווען נעמט איר שוין אויך אַריין אַ טעלעפאָן? ווי קענט איר עס אויסקומען אָן אַ טעלעפאָן? טאַקע נאָר ווי גרינע חיות." . . .

וואָס טויג אייך מעשיות, חיה האָט אָנגעהויבן מיר רעדן אַ

שידוך, אַז מען דאַרף אַריינגעמען אַ טעלעפאָן אין הויז, עס איז פּשוט אַ בזיון פאַר לייט, אין אַ הויז זאָל ניט זיין קיין טעלעפאָן. און זי הויבט מיר אָן צו גיבן שטעכווערטלאַך:

— וואָס־זשע, דיך אַרט עפּעס פאַר מיר ? גאַנצע טעג זיץ איך אָפּ, און האָב ניט מיט וועמען אַרויסצורעדן אַ וואָרט . . . עלנט ווי אַ שטיין, טאַקע ווי אַ גרינע חיה." . . .

פאַרשטייט זשע, דאַרף מען צאָלן דירה־געלט פאַר אַ „סטאָר" אין נויאָרק, און דירה־געלט מיט צוואַנציק דאָלאַר אַ חודש טייערער אין די בראָנקס, אַ טעלעפאָן פאַר׳ן „סטאָר", און אַ טעלעפאָן פאַר׳ן הויז. האָט איר אייך נומער צוויי.

נאָר וואַרט אויס, איר זענט נאָך ניט פאַרטיק.

גאָט האָט געהאָלפן, חיה׳ס שכנה האָט זיך פאַרגלוסט אָפּן זומער פאָרן אין די בערג. דאַכט זיך וואָס ? ניט קראַנק, נאָר פריש און געזונט און משוגע ! וואָס פעלט זומער אין די בראָנקס, בפרט אַז מען וואוינט נאָך אַרום דעם פאַרק ? קומט די שכנה צעגיין מיט אַ בשורה צו חיה׳ן, און זאָגט איר: „חיה, איר ווייסט, מיין מאַן שיקט דאָך מיך אַף זעקס וואָכן אין די „קעטסקיל מאָונטענס" ?

— וואָס עפּעס פּלוצלינג ? עס פעלט אייך חלילה געזונט? — פרעגט חיה איבער, און די שכנה צעלאַכט זיך פון איר:

— גרינע חיה, וואָס איר זענט ? פאַרוואָס דאַרף מיר גאָר עפּעס פעלן געזונט ? איך וויל פאָרן אין די בערג, שיקט מיך מיין מאַן אין די בערג. וואָס זשע, איך וועל זיך גיין וואַלגערן אָפּן גראָז אין פאַרק, מיט אַלע איטאַליענער און מיט די שוואַרצע, וואָס לויפן זיך אָן אַהער ? נשקשה, מיין מאַן אַרבעט געגנוג שווער אַ גאַנצן זומער, מעג איך זיך פאַרגונען כאָטש אַרויסצופאָרן אין די בערג אַף עטלאַכע וואָכן . . . " און אין איין וועגס, רופט זיך ווידער אָן די שכנה: „חיה, פאָלגט מיך, פאָרט אויך. איר וועט זיך מחיה זיין, עס וועט אייך צוקומען אַ שטיק געזונט." . . .

וואָס זשע קלערט איר, אַז די שכנה איז אַרויסגעפאָרן אין די בערג, וועט חיה בלייבן אין די בראָנקס ? האָט זיך אָנגעהויבן אָן עסק מיט פאָרן אין די בערג. איך טענה, אַז די בערג זענען פאַר קראַנקע, אויסגעמאַטערטע — און געזונטע מענטשן קענען בלייבן

אין די בראָנקס, און אַז מען וויל שוין גאָר, פֿאָרט מען זונטיק אַרויס צום ים, אין „קוני־איילענד", און חיה ענטפֿערט מיר:

— וואָס זשע ווילסטו, איך זאָל ליגן אין די בראָנקס אַ גאַנצן זומער, ביז איך וועל קראַנק ווערן, דערנאָך וועסטו מיך שיקן אין די בערג, האַ? אַט אַפּנים, דיך אַרט אַ סך פֿאַר מיר. . . . אַלע פּרוּוון פֿאָרן אין די בערג אויף זעקס וואָכן, אויף אַכט וואָכן, וואָס בין איך עפּעס ערגער פֿאַר אַלעמען? וואָס בין איך דיר, נאָר אַ טאָפּ אידענע פֿאַר דער קיך? איך טאָר שוין גאָר די ליכטיקע וועלט ניט אָנזען?" . . .

וואָס זשע קלערט איר, איך האָב זי ניט געשיקט אין די בערג? און טאַקע אויף גאַנצע זעקס וואָכן . . . הלוואי מאַך איך עס איצטער אין אַ חודש, וואָס די בערג האָבן מיך אָפּגעקאָסט, יאָ. האָט איר אייך נומער דריי.

נו, דערנאָך האָבן דאָך „מאַנופֿעקטשורערס" אָנגעהויבן צו שאַרן געלד מיט לאָפּעטעס, זענען זיי דאָך משוגע געוואָרן פֿאַר וואוילטאָג, און האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט די געלט. גייט מיין שכנה'ס מאַן, און קויפֿט אַן אויטאָמאָביל, און די שכנה לערנט זיך אויס טרייבן, און זי קומט צעפֿאָרן מיט'ן אויטאָמאָביל און נעמט חיה'ן פֿאַר אַ שפּאַציר, און אין איין וועגס רעט זי איר אַ שידוך:

— חיה, ווען קויפֿט איר שוין אַ מאַשין? וועלכער געשעפֿטס־מאַן אין די בראָנקס האָט עס ניט קיין אייגענע מאַשין? אַז איך וויים שוין גאָרניט ווי אַזוי איך וואָלט געקענט אויסקומען אָן דער מאַשין. איר הערט, מיר ווייזט זיך שוין אויס, אַז אָן אַ מאַשין איז מען עפּעס ווי אָן אַ האַנט; פֿאָלג מיך אַ גאַנג, גיי שלעפּ זיך מיט דער טראַמוויי, און שטיק זיך אין דער סאָבוויי מיט אַלע איירישע, אַלע שוואַרצע," און זי פֿאַרענדיקט:

— פֿאָלגט מיך, חיה, קויפֿט אַ מאַשין, איר וועט מיך אָסור שילטן דערפֿאַר." . . .

וואָס טויג אייך מעשיות, די שכנה האָט צוגעשיקט דעם „אויטאָ־מאָביל־סיילסמאַן" צו חיה'ן, און חיה האָט אים געהייסן קומען ווען איך בין אינדערהיים; און טאָמער האָט דער „סיילסמאַן" ניט געגוג זיינע אייגענע ניין מאָס רייד, אויף מיר אויסצורעכענען די מעלות און די נוצן פֿון דער מאַשין, העלפֿט אים חיה אַרויס. דער

„סיילסמאַן“ פאַרנודעט מיך צום טויט, כאָטש איך האָב אים שוין צען מאָל געזאָגט: „איך וויל ניט קיין מאַשין“, נאָר חיה גיט אים אונטער קוראַזש. . . .

— ער איז דען ניט גערעכט, איך זאָל אַזוי לעבן! ווי קען מען עס גאָר אויסקומען אָן אַ מאַשין? וועלכער געשעפטסמאַן טרייבט שוין היינט ניט קיין אייגענע מאַשין?“

און אַז איך נעם און בין שוין משלח דעם „סיילסמאַן“ צום צענטן מאָל, און בלייב איינגע׳עקשנ׳ט און זאָג נאָך אַלץ — ניין! — נעמט זיך חיה צו מיר ערשט נאָכאַמאָל, און גיט מיר אַ זאָג:

— אָבער זינט איך קען דיך, קומט מיר יעדע זאַך אָן מיט דער גרינער גאַל . . . פריער, דאַרף איך מיר אויסריידן דאָס האַרץ מיט דער נשמה, פּונקט ווי דיר וואָלט צוגעקומען אַ שטיק געזונט דערפון. אַ שיינע מערכה האָב איך באַ דיר . . . ניטאָ וואָס צו זאָגן!“ . . .

בקיצור, חיה האָט אויסגעפירט — איך האָב געקויפט אַ מאַשין. און מיינט איר, סתם אַ מאַשינקעלע, אַ פאָרדל, אָדער, ווייסיך, אַ „שעווי“, ניין; די שכנה האָט אַ „קאַדילאַק“, מוז חיה אויך האָבן ניט אַנדערש טאַקע נאָר אַ „קאַדילאַק“. האָט איר אייך נומער פיר.

היינט אַז מען טרייבט שוין אַן אייגענעם „קאַדילאַק“, גייט מען „שאָפּינג“. פריער האָט מען זיך געקויפט אַ קליידל, אָדער שיך, אין אַ געשעפט ווי אַלע קויפן — אין אַ „באַרגען־סייל“, און טאַקע אין אַ „בייסמענט סטאָר“ — אָבער אַז מען גייט „שאָפּינג“, פאָרט מען צו מיט דעם גרויסן „קאַדילאַק“ צו „וואַנאַמייקערס“, אינ־איינעם מיט דער שכנה, און אַז די שכנה קויפט אויס אַ האַלבן „סטאָר“ און זאָגט „טשאַרזש איט“, לערנט זיך חיה אויך אויס די אייגענע קונץ, און זאָגט שוין אויך: „טשאַרזש איט“. וואָס זשע קלערט איר, „וואַנאַמייקערס“ זשאַלעווען ניט, און שיקן גע־שוואָלענע „בילס“ צום צאָלן, און חיה טענה׳ט:

— וואָס זשע, דו ווילסט אַז איך זאָל נאָך טראָגן צען דאַלערדיקע קליידלאַך, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, האַ? גיי אַריין צו „וואַנאַ־מייקערס“, וועסטו זען, אַז אפילו איטאַליענערקעס און שוואַרצע קויפן ניט קיין ביליגערע זאַכן פאַר מיר. נאָר גאָרניט, זינט איך קען דיך, פאַרגינסטו מיר ניט, וואָס איך לעב אַף דער וועלט. אַזאַ טבע האָסטו שוין. . . . וואָס דען, אַז איך וואָלט געווען קראַנק אַלע

מאַנטיק און דאַנערשטיק, און דו וואָלסט געצאָלט דעם דאָקטאָר מיט דער אַפּטייק, וואָלסטו געהאַט מער פאַרגעניגן, ווי אַז איך וועל זיך אָנטאָן שיין, האַ?"

נו, איז קומט יעדן ערשטן, ווער איך פאַרפּלייצט מיט „בילס" — פון „וואַנאַמייקערס" און פון „גימבלס" — דאָס איז פאַר „איווינינג גאַונס", און דאָס איז פאַר היטלען, דאָס איז פאַר שיך, און פאַר אַזאַ שמאַכטע און פאַר אַנאַנדער מאַנטל, און נאָך אַ קלייד און ווידער אַ פּאָר שיך מיט אַ היטל. און איינמאָל „גלאָווס" און אַזאַ פּאָר „גלאָווס" און אַ דריטע פּאָר „גלאָווס".

— חיה, וואָס טוסטו מיט אַזוי פיל „גלאָווס?"

— חיה, האָסט דאָך ערשט לעצטן חודש געקויפט „גלאָווס!" גאָט איז מיט דיר, חיה!"

צום סוף ווערט זי נאָך ברוגז, און צעשרייט זיך אויף מיר:

— עס איז געווען אַ סייל אויף גלאָווס, האָב איך דאָך דיר געוואָלט שפּאָרן געלט. איצטער, אַז עס וועט זיין אַ סייל אויף דרעסעס, וועל איך מיר קענען צומעטשן דרעסעס צו אַלע גלאָווס. . . . "

— נו, טאָמער וואָלסטו מיר שוין אָנגעהויבן צוציילן די פּאַסאַזשיערס אין טעפּל אַריין, האַ? זע נאָר פון וואָס ער מאַכט עס אַ ווערן, פון אַ „ביל" פאַר „גלאָווס"! שעמן האָסטו זיך געמעגט, באַ מיין וואָרט!"

איז מיר טאַקע זייער שלעכט, נאָר איך וויין און איך צאָל. האָט איר נומער פינף.

דערנאָך האָט די שכנה געקויפט אַ הויז, האָב איך געמוזט קויפן אַ הויז. איז נומער זעקס. און אַז די שכנה איז ווינטער געפאָרן אין פלאָרידאַ, האָט חיה אויך געמוזט פאָרן.

— זומער אין די בערג, איז דיר ווינציק — טענה איך — מוז מען נאָך ווינטער פאָרן אין פלאָרידאַ אויך?"

— נו, וואָס דען, אַז איך וואָלט געהאַט שלעכטע לונגען און דער דאָקטאָר וואָלט מיר געהייסן פאָרן אין דענווער, וואָלט דיר אודאי געווען בעסער, האַ? נאָר אַזוי ביזטו שוין, זינט איך געדיינק דיך . . . " ענדיקט זי.

פאָרט שוין חיה זומער אין די „קעטסקילס", און ווינטער אין פלאָרידאַ, איז נומער זיבן.

היינט פֿאַרגעסט ניט, אַז עס איז צוגעקומען אַ נייע אָנשיקעניש אַף די ווייבער: אַ „ביוטי פּאַרלאָר“, און די שכנה איז דערפֿון געוואויר געוואָרן, און אַז די שכנה נעמט אַ „פּערמאַנענט ווייוו“, וואָס פּאַסט איר בסך הכל אַזוי צום פּנים ווי אַ חזיר אוירינגלאַך, און מען קען חלש'ן, קומט זי פֿונדעסטוועגן צו חיה'ן, און גיט אַ זאָג:

— חיה, זע איך ניט אויס מיט צען יאָר אינגער, האַ?“ און חיה טוט איר אַ טובה, און זאָגט איר:

— אַזאַ יאָר אַף מיר! טאַקע אינגער געוואָרן.“ טוט איר די שכנה צוריק אַ טובה, און גיט איר אַ זאָג:

— פֿאַר פֿינף דאָלאַר האָט איר אויך אַ „פּערמאַנענט“, חיה.“

דערנאָך קומט אָן עסק, מיט אַ „מאַניקור“ און מיט אַ טערקישער באָד, זייט מיר מוחל, און וואָס איז מיט שפּילן „ברידזש“, און „פּאָוקער“, און מיט רויכערן ציגאַרעטלאַך? און שאַט, שאַט, שעמט אייך ניט, ווייבער האָבן זיך דאָך שוין אויסגעלערנט מאַכן אַ „לחיים“ אויך, ניט מער, זיי רופֿן עס „קאַקטייל“. . . .

איז וואָס זשע מיינט איר, מען פֿאָרט צו אין אַ „קאַבאַרעי“, אָדער אין אַ „ראָוד־האַוז“, האַ? נו, פֿון די אַלע משוגעת'ן, מיינט איר, אַז עס קומט מיר אַריין געלט אין קעשענע, וואָס?

האָב איך אַ קוק געטאָן, אַז עס איז שלעכט, זייער שלעכט, נאָר וואָס זאָל איך טאָן, מאַכן לייטיש געלעכטער, זיך גיין גט'ן מיט דער ווייב?

אָבער אַז גאָט וויל איינעם העלפֿן, ווערט ער אויפֿגעריכט און ער ווייסט אפֿילו ניט פֿון וואַנעט עס איז געקומען. האָט טאַקע גאָט געהאָלפֿן, און עס איז געקומען דער קריזיס, און מיין שכנה'ס מאַן, דער „מאַנופֿעקטשורער“, האָט זיך אַזוי פֿאַרדרייט, זיך געגיבן אַ שטעל, און איז געגאַנגען באַנקראָט; אָבער אַזוי מיאוס, אַזוי פּאַסקודנע, אַז ער האָט נעבאַך פֿאַרלוירן וואו נאָר ער האָט געהאַט אַ דאָלער, און דאָס הויז איז אַוועק צו דעם „מאָרטגעדזשירער“, און דער „קאַדילאַק“ צו דער „פֿינאַנץ קאָמפּאַני“, און עס האָט זיי נעבאַך אַזוי צוגעשפּילט שלעכט, אַז מיר האָבן זיך נאָך געדאַרפֿט שטילערייט צונויפֿלייגן עטלאַכע הונדערט דאָלער, און אים העלפֿן אַז ער זאָל ווידער אָנהויבן פֿון „מה־טובו“, און וואָס זשע קלערט איר? אַז גאָט העלפֿט און עס טרעט צו אַזאַ שטיקל צייט, ליגן

שוין עפּעס אין קאָפּ נאַרישקייטן — „פּערמאַנענט ווייווס“, מיט „מאַניקורס“, מיט טערקישע בעדער, מיט „קאַבאַרעיען“, מיט „ראָוד הייזער“, מיט „ברידזש־פּאַרטיס“, מיט אַנדערע משוגעת׳ן?

הכלל, ניטאָ קיין הויז, זיך צעזעגנט מיטן גרויסן „קאַדילאַק“, און אַז „וואַנאַמייקערס“ דערוויסן זיך פון אַזאַ חתונה, קענט איר זאָגן „טשאַרדזש איט“ פון היינט ביז מאָרגן, וועלן זיי ניט „טשאַרזשען“ אַ פּעני . . . איז אויס „טשאַרזש־אַקאַונט“, און דער קאָפּ איז אַזוי פאַרדרייט באַ מיין געוועזענעם שכן, אַז די שכנה דאַנקט גאָט אַז עס איז דאָ אַ פינפערל פאַר׳ן „בוטשער“ מיט׳ן מילכ־מאַן, ניט אָפּ קיין „פּערמאַנענט“ . . . און חיה זעט שוין מער די שכנה אין די אויגן ניט אָן, און גייט אַרום און זאָרגט זיך:

— וואָס קומט מיר אַרויס פון טעלעפאָן, אַז די שכנה האָט שוין קיין טעלעפאָן ניט . . . ? “ און אַז די שכנה קומט אַמאָל, זיצט זי און זיפצט, און טענה׳ט:

— נשקשה, אין אַזאַ ביטערער צייט, קען מען ניט שטאַרבן, אַז מען טראָגט אַ פאַר־אַ־יאָריק קליידל? . . . און, וואָס זשע מיינט איר, אַז מען פאָרט מיטן „עלעווייטעד“, פאַלט חלילה אָפּ אַ שטיקל?“ און פון פלאָרידאַ אוםווינטער איז שוין אָפּגערעדט.

און אַז חיה מאַכט אַ רעדע מכח פאָרן אין די „קעטסקילס“, צע־טענה׳ט זיך די שכנה:

— בערג . . . אויך מיר אַ „פּלעזשור“, וואָס פעלט אין דער היים? כ׳לעבן, מען ווערט אויסגעריסן אין די בערג, מען ווערט צעבראָכן, און קיין פאַרגעניגן האָט מען ניט . . . אַ שאָד אין אַזאַ ביטערער צייט אויסצובריינגען אייער מאַן אַזוי פיל געלט, חיה, פאָלגט מיך. . . . וואָס זשע די גלענצנדיקע געשעפטן וואָס אייער מאַן מאַכט?“

און אַז די שכנה פאָרט ניט, און פליט ניט, און לויפט ניט, זיצט חיה אויך אין דער היים; אויס לויפן מיט דער מאַשין, אויס „טשאַרזש אַקאַונט“, ווינציקער היטלען, מיט מאַנטלען, שיך, מיט „גלאָווס“; אויס „וואַנאַמייקער“, מיט געשוואָלענע „בילס“ יעדן ערשטן; אויס פלאָרידאַ, אויס בערג, ניטאָ מער קיין „פּערמאַנענטס“ מיט „מאַני־קורס“. איך זאָג אייך, עס איז אַ מחיה, אָט ווי די זאַך איז, מען שלעפּט זיך דורך, מען מאַכט אַ שטיקל לעבן; איז וואָס זאָל איך אייך זאָגן — עס איז מיר גוט, עס איז אַ קריזיס. . . .

הונדערט־און־זעקס

מיליאָנערן

—קריזיס, האַ? שלעכטע צייטן? איר וויינט אויך אָפּן קריזיס? וואָס זשע, פאַרן קריזיס איז אייך געווען בעסער? אייערע פאַבריקן מיט די הייזער וואָס איר האָט פאַרלוירן? גייט שוין גייט, איר האָט פריער געשריבן מעשיות און געלאַכט פון דער וועלט, און וואָס פעלט אייך איצטער?“

פרעגט מיך, רעט מיט מיר, וועל איך אייך וייזן ווער עס דאַרף וויינען. איר קענט דאָך מיך, האַ? היינט היים איך באָרים וואַטערמאַן, אָבער איר געדיינקט דאָך מיך נאָך ווען איך האָב געהייסן בערל וואַסערמאַן, און געהאַט אַ פאַבריק פון מאַטראַצן. איי, ווען איך וואָלט נאָך היינט כאָטש געהאַט מיין אייגן שטיקל „פעקטאָרי“ און זיך געקענט דרייען, וואָלט איך דאָך געלאַכט פון דער וועלט. . . נו, גיי זשע וויים, וואָס ס'איז דיר באַשערט דורכצולעבן, מיטצומאַכן אין איין יאָר. איך בין דאָך שוין געווען אַ מיליאָנער!— אַ מיליאָנער— יאָ, יאָ, ווי איר קוקט מיך אָן — פאַר־אַ־יאָרן אין דער צייט, האָט מען דאָך מיך געשאַצט אין אַ מיליאָן דאָלאַר, אַ האַלב באָראָ פאַרק האָט געהערט צו מיר מיט מיין זון, אייזיקן. איר געדיינקט דאָך מיין אייזיקן . . . איר הערט, אוי, ווען ניט מיין אייזיק, וואָס האָט אַף זיך אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, ווען מיין אייזיקן זאָל זיך ניט געווען פאַרגלוסטן צו מאַכן פון מיר אַ מילאָנער, וואָס וואָלט מיר היינט געפעלט? איך וואָלט דאָך געלאַכט פון דער וועלט מיט'ן קריזיס, מיט דעם „דעפּרעשאַן“ — איך וואָלט דאָך שוין היינט געווען געקענט זיין אַ איד אַ באַלעבאָס — די דירה אַן אייגענע, די מאַשינען אין דער פאַבריק אויסגעצאָלטע . . . וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר, וואָס דער אייזיק האָט פון מיר געמאַכט? גיט אַ קוק, ווי איך זע אוים . . . גרוי, אַלט, צעקנייטשט, חשך . . . היינט וויפיל געזונט האָב איך פאַרלוירן, ביז, גאָט צו דאַנקען, איך האָב זיך צוריק צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק, אַז — גייט עס צו אַל די גוטע יאָר, איך האָב אין דער ערד די געשעפטן, מיט די „לאָטס“, מיט די „מאָרטגעדזשעס“, מיט די מיליאָנען אינאיינעם . . . אָבער

וויפיל האט מיר געפעלט, אז איך זאל אינגאנצן גיין פון דער וועלט פאר דער צייט, הא? איר שפילט זיך עפעס מיט אייזיק׳ן? איר ווייסט אין וואס פאר א צרות, אומגליקן ער האט עס מיך אריינגעשלעפט איבער זיינע פליענדיקע געשעפטן, מיט דעם וואס עס האט זיך אים געוואלט אז מיר זאלן ווערן מיליאנערן?

וועט איר הערן.

מילא, ווייסט איר דאך, האב איך זיך אפגעפלאגט אין נויארק צוואנציק יאר,, בא מאטראצן — פריער האב איך געגייט בא יענם, און ניט נאר איך, נאר די ווייב מיינע אויך. דערנאך האט גאט געהאלפן, און איך האב צענויפגעשלאגן א פאר הונדערט דאלאר, געעפנט א געשעפט פאר זיך, און אז איך האב געעפנט דאס געשעפט פאר זיך, האבן זיך ערשט אנגעהויבן מיינע ריכטיקע צרות. איר ווייסט דאך, מיט ווינציק קאפיטאל, די קאנקורענץ איז גרויס, און אז מען האלט עטלאכע ארבעטער מוז מען זיי דאך אלע שבת צאלן „פיידע“! נו, דרייט מען מיט דער וועלט, א מעשה מיט ארויסגיבן „טשעקס“ שבת, און מיט דארפן זיי גוטמאכן מאנטיק אינדערפרי. איז אזוי:

„בילס“ פאר „ווארע“, „פיידע“ פאר די ארבעטער, און די „סיילסלייט“ דארפן אויך עסן, און איידער מען קוקט זיך אום, דארף מען שוין ווידער צאלן „בילס“, און ווידער „פיידע“ פארן „שאפ“, און נאכאמאל די „סיילסלייט“, און אז עס קומט צו דער אייגענער ווייב און קינדער, כאפ איך א קוק אפן „טשעק“־ביכל, ווייזט דער „טשעק“־בוך אז מען איז שוין דערונטער. . . . וואס זשע קלערט איר? עס איז גוט, הא? טענה׳ט טאקע נעבאך די ווייב:

— ווען דו ביזט ניט געווען קיין פאבריקאנט און דו האסט געארבעט בא יענעם, האבן מיר דאך געהאט מערער ווי איצטער, אז דו ביזט א מאנופעקטשורער?“ און רייזעלע, א טאכטער וואס גייט שוין אין „היי־סקול,“ וויינט און טענה׳ט אז עס איז איר א בזיון פאר די מיידלאך אין היי־סקול און פאר דער „טיטשערין“, אז אלע טאג מוז זי קומען אין דעם זעלבן קליידל. נאר איר קענט דאך מיך, איך וויל ניט איינרייסן די וועלט, און קלער מיר: עס וועט זיך איבערדרייען, די צייט וועט ווערן בעסער, מען וועט זיך ווי עס איז ארויפארבעטן.

און עס האָט טאַקע געהאָלטן דערביי — ביסלאַכוויים האָב איך איינגעצאָלט אַף אַ הויז, און אַריינגענומען נאָך עטלאַכע מאַשינען, אוועקגעזעצט נאָך עטלאַכע ,,העגט", דאָס געשעפט וואַקסט, און עס האַלט אַף אַ דרך. דאַכט זיך גוט, האַ? האָט זיך אָבער מיין אייזיק'ן פאַרגלוסט צו מאַכן פון אונז מיליאָנערן, וועט איר שוין באַלד הערן:

העלפט גאָט, אייזיק האָט געענדיקט ,,היי־סקול", און ער שטעלט זיך אַוועק טאַקע מיט מיר אין מאַטראַצן געשעפט. דאַרפן דאַרף ער זיין אַ ,,שיפּינג קלערק", אַרויסשיקן די ,,אָרדערס", אָבער ער איז דאָך אייזיק, אַ ברען אַ יונג, אָן אַפּענער מח, איז ער פול אין אַלע לעבער — הויבט ער אָן קויפן ,,וואָרע" און זאַפּאַסעוועט זיך . . . ער האָט מורא פאַר אַ יקרות.

טענה איך מיט אים: אייזיק, וואָס דאַרפסטו פינף הונדערט שטיקלאַך ,,וואָרע", אייזיק? וואָס זשע, אין אַ חודש אַרום וועט מען דיר ניט פאַרקויפן, אייזיק? טענה'ט ער:

— אין אַ חודש אַרום וועט ווערן טייערער. וואָס אַרט דיך, פאַרלאָז זיך אַף מיר!"

מילא, האָב איך אים געפאָלגט. און וואָס קלערט איר? עס איז ניט אַרויף קיין זעקס סענט אויפן ,,יאַרד"? יאָ. און אייזיק שפּרינגט אין דער לופטן, און פרייט זיך:—האַ, פּאַפּאַ, ווער איז אַ סוחר? וואָס זאָגסטו איצטער?"

זע איך דאָך אַז ער ווייסט טאַקע, גיב איך אים אַ פרעג: אייזיק, ווי אַזוי קומסטו צו טרעפן אַזוי גוט דעם ,,מאַרקעט"?

לאַכט ער פון מיר:—פּאַפּאַ, דו ביזט אַ גרינער, דו ווייסט ניט וואָס ,,מאַרקעט" איז, איך בין אַלע טאָג אָפּן ,,סטאָק עקסטשיינדזש", און איך זע וואָס דאַרטן טוט זיך. מיש זיך ניט, פּאַפּאַ!,,

בקיצור, איידער איך האָב זיך אומגעקוקט, איז מיין אייזיק אַזוי פאַרקאָכט געוואָרן אָפּן ,,סטאָק עקסטשיינדזש", און אַלעס וואָס איך האָב נאָר געהערט, איז אַז עס פאַלט . . . און עס הייבט זיך . . . און אָט פאַלט עס ווידער . . . און אָט האָט זיך עס ווידער געהויבן . . . און עפעס אַ ניי לשון, אַ מאָדנע שפּראַך האָב איך דערהערט פון מיין אייזיק'ן. דאַכט זיך, ער מאַכט דאָך גאָר מאַטראַצן, האַ?

מיטאמאָל האָט ער שוין אַן עסק, מיט קופּער, און מיט בליי, מיט ווייץ, און מיט „דזשענעראַל מאָטאָרס". ער קויפט, און ער „טריידעט", ער האַנדעלט און בייט, און פאַרקויפט — אַ מעשה מיט „מאַרדזשינס", איך זאָג אייך, איך ווייס גאָרניט, וואו האָט ער דאָס געזען? פון וועמען האָט ער זיך אויסגעלערנט די אַלע שטיק? און אַלעמאָל הער איך נאָר פון אים:

— סעי, פּאָפּאַ, מיר וועלן נאָך ווערן מיליאָנערן, דו וועסט זען!"

בעט איך זיך אפילו בא אים:—איזיק'ל, וואָס טויגן מיר מיליאָנערן, מיינע אָבות אבותינו זענען קיין מיליאָנערן ניט געוועזן, און איך דאַרף עס אויך אַף אַ גוטער כּפּרה, טו מיר אַ טובה, אייזיק, הער אויף צו זיין פאַרקאָכט אין די „סטאָקס", צי וואָס דאַרפסטו דאָס? געשעפט גייט גוט, מען מאַכט שוין אַ לעבן, די דירה צאָלט זיך צו ביסלאַך, די פאַבריק אַרבעט — בעסער נעם די עטלאַכע דאָלאַר און לייג אַריין אין באַנק, און מיר וועלן פאַרגרעסערן דאָס פאַבריקל, און צושטעלן נאָך עטלאַכע מאַשינען, אַריינגעמען נאָך עטלאַכע „הענט", וועט זיין פּרנסה בריוח.

צעלאַכט ער זיך פון מיר, און כאַפּט אַרויס אַ הויפן מיט הונ־דערט דאָלאַר „בילס" פון קעשענע, און לייגט מיר אַוועק אַפן טיש, און זאָגט:—פאַרוואָס זשע זאָגסטו ניט, אַז דיר פעלט געלט, דאַרפסט געלט? וויפיל אַ שטייגער דאַרפסטו? נאַ, אָט האָסטו דריי טויזנט דאָלאַר, וועט דיר זיין גענוג?"

— אייזיק, ווי קומט צו דיר אַזוי פיל געלט, אייזיק? מיר האָט דאָך היינט געפעלט זעקס דאָלאַר, גוט צו מאַכן אַ „טשעק", און ער טראָגט זיך אַרום מיט טויזנטער אין די קעשענעס. . . .

— דאָס האָב איך היינט געמאַכט אַפן „סטאָק עקסטשיינדזש", ענטפערט ער, און שמייכלט. „עס איז אַרויף צוועלף „פּאָינטס" אַף מיינע „שערס", האָב איך „איינגעקעשט".

איר הערט אַ לשון? „צוועלף פּאָינטס", „איינגעקעשט" . . . מילא, גאָט צו דאַנקען דערפאַר.

מיטאַמאָל הויבן מיר אָן קומען בריוו שוין ניט — וואַסערמאַן, נאָר — וואָטערמאַן . . . וויל איך זיי צוריקגיבן דעם בריפטרעגער, נאָר אייזיק לאַכט:—סעי, פּאָפּאַ, דאָס איז פאַר אונז . . . דו פאַר־שטייסט, מיר זענען שוין ניט — וואַסערמאַן, נאָר — וואָטערמאַן,

דו הערסט? מיר הייסן שוין וואַטערמאַן . . . איך האָב געביטן דעם נאָמען . . . עס איז שענער פאַר די „ביזנעס". . . . כאַטש, אַז איר וועט רעדן מיט מיר, איז האַקט מיך און בראַקט מיך, קען איך ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס וואַטערמאַן איז בעסער צו די „ביזנעס" ווי וואַסערמאַן . . . נאָר פאַרפאַלן — ער האָט דאָך שוין געביטן . . . זאָל זיין אַזוי. . . .

דערנאָך העלפט גאָט, און עס יאָוועט זיך אַ קונה, און וויל קויפן די „פּעקטאָרי". פאַר דער חורבה אַף דער „פּעקטאָרי", האָבן מיר איינגעצאָלט צוועלף הונדערט דאָלאַר, און מיר האָבן אין איר שוין געהאַט עפּעס אַ דריי טויזענט דאָלאַר אָנגעצאָלט. קומט אַ קונה, און וויל גיבן צען טויזנט דאָלאַר, און טאַקע „קעש" געלט. דאַכט זיך גוט, האַ? כאַפּ איך זיך אָן מיט ביידע הענט, און בין שוין מוכן ומזומן אונטערצושרייבן, און פאַרקויפן. פאַלט אַריין אייזיק אין דער לעצטער מינוט, און כאַפּט באַ מיר אַרויס די פּען פון האַנט, און גיט אַ געשריי:—סטאָפּ! כאַפּ ניט! וואָס איז די איילעניש? צען טויזנט? פאַרוואָס עפּעס ניט קיין צוואַנציק טויזנט? אַז עס איז ווערט פאַר יענעם, איז עס פאַר אונז ווערט מער." . . .

— אייזיק, ביזט משוגע געוואָרן? וואָס רעדסטו, צוואַנציק טויזנט דאָלאַר, עס קאָסט דאָך אונז אינגאַנצן פיר טויזנט דאָלאַרעס, וואָס ווילסטו, אייזיק?"

כאַפּט זיך אייזיק צו דער קעשענע, און שלעפּט אַרויס אַ „טשעק" ביכל און גיט זיך אַ זאָג: „אָבער, ווייסטו וואָס? נאַ דיר אַ „דעפּאָזיט" מיט אַן „אָפּשען" אַף צוועלף טויזנט דאָלאַר, און ביז דרייסיק טעג גיב איך דיר די „קעש" פאַר דער „פּראָפּערטי", און הער זיך אויף איילן צו פאַרקויפן . . . איז דיר שוין גוט, פּאַפּאַ?" און ער שמייכלט, אַזוי ווי באַ אים וואָלט געליגן די גאַנצע „קעש" אין באַנק, און ער איז עס זיכער, אַז די „פּראָפּערטי" איז ווערט מערער.

פאַרשטייט איר דאָך, אַז איך האָב שוין ניט פאַרקויפט; איז מען טאַקע אין אַ וואָך אַרום געקומען און געבאָטן צוואַנציק טויזנט.. האָט זיך אייזיק ווידער איינגעשפּאַרט:—ניט פאַרקויפן!" ער האָט גע'טענה'ט, אַז מען גיט צוואַנציק, איז עס ווערט אַ סך מערער. . . . זאָג איך אייך, איך האָב געמיינט ניט אַנדערש, נאָר דער בחור איז משוגע געוואָרן. וואָס הייסט ניט פאַרקויפן, אַז מען גיט אַזוי פיל געלט!

פוילט זיך ניט מיין אייזיק און עפנט מיר א ציימונג און ווייזט מיר:—נא, דו זעסט, דא, וואו אונזער פאבריק שטייט דארף מען בויען א „סאבוויי" . . . פארשטייסט? . . . די „קאמפאני" מוז האבן אונזער שטיקל פלאץ, דאס שטיקל „לאט", פארשטייסט? און אז דו וועסט האבן צייט און ניט פארקויפן, זענען זיי ניט קליין צו באצאלן הונדערט טויזנט דאלאר . . . פארשטאנען, פאפס?"

אז איך האב דערהערט — הונדערט טויזנט דאלאר — איז נאר א נס וואס איך בין ניט אוועקגעפאלן אין חלשות. וואס טויגן אייך מעשיות, אייזיק האט ניט געלאזן פארקויפן; און ווייסט איר וואס נאך ער האט געטאן? ער האט גאר אנגעהויבן אויפקויפן די חורבות אפן גאנצן „בלאק", און דערצו איז ער נאך אליין געווען דער אגענט — אזוי האט עס געהייסן — ער האט נאך אליין באקומען פינף פראצענט „קאמישן" פון יעדער חורבה.

און איידער וואס — ווער — ווען, מיין אייזיק איז שוין א „בראקער", א „ריעל עסטייטניק" — ער קויפט הייזער, „סטארס", און אלץ אף פארסייט סטריט און אף עסעקס סטריט, און די „קאמ־פאניע" שלאגט אים אף די טירן, מען גיט שוין ניינציק טויזנט דאלאר פאר מיין חורבה, און אייזיק פארקויפט ניט, אייזיק האלט אין איין שרייען:—פאפס, מיליאנערן! מיר וועלן ווערן מיליא־נערן . . . און מיר וועלן קריגן פון דער „קאמפאני" מיליאנען פאר דעם „בלאק" . . . אנדערש וועט די „קאמפאני" די סאבוויי ניט בויען." . . .

און וואס מיינט איר? ער האט ניט אויסגעפירט? יא, ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן, אייזיק האט באקומען א מיליאן און א האלב פאר דעם „בלאק", און אין אלע ציימונגען האט מען געשטעלט זיין בילד, ווי א אינגל פון דער „איסט סייד", האט אויסגעקויפט די הייזער און זיי דערנאך פארקויפט צו דער „קאמפאני" פאר א מיליאן און א האלב, און וואו מען איז נאר געשטאנען און גע־גאנגען האט מען גערעט פון אייזיק וואטערמאן. . . .

— נו, איצטער זאגט אייזיק, וועלן מיר ערשט מאכן געלט . . . און ער האט אנגעהויבן קויפן „לאטס" און בויען הייזער, — איז גע־ווארן א „בילדער" אין בארא פארק, און האט זיך אוועקגעשטעלט בויען גאנצע „יוניטס" . . . צוויי הונדערט „פלעטס", דריי הונדערט „פלעטס", און אפן „סטאק מארקעט" האט זיך אייזיק אויך צעלאזן

און גענומען קערן וועלטן. . . . און אַז איך האָב אים געזען זיצן מיט די פּיס אױפֿן דעסק, מיטן בליי־פּעדער אין האַנט, און פֿירן חשבונות, זעקס הונדערט טויזנט, צוועלף הונדערט טויזנט, אַ מיליאָן, צוויי מיליאָן, האָב איך געהאַלטן אין איין ציטערן: רבונו של עולם, ער זאָל זיך נאָר חס ושלום ניט פֿאַרדרייען . . ווער ווייסט, וואָס עס קען אַמאָל פּאַסירן ? . . .

— פּאַפּאַ, גענוג געזעסן בײַ די מאַטראַצן!" האָט ער מיר איין פֿרימאָרגן אַ זאָג געגעבן, און האָט געכאַפּט און אויפֿגעגעבן דאָס געשעפֿט, און מיר געמאַכט אַ חשבון — אַז אַפֿילו איך זאָל נאָר אַרומגיין און „קאַלעקטן" דעם „רענט" פֿון די אַלע הײַזער וואָס האַלטן אין פֿאַרטיק ווערן אין בראָנקס פּאַרק, וועל איך אויך האָבן מער ווי פֿון מײַנע מאַטראַצן. . . . „הײַנט — טענה'ט אײַזיק — ביזטו דאָך אַ גלײַכער שותּף צו די געשעפֿטן!" האָב איך אים געפֿאָלגט און געשלאָסן די פֿאַבריק. כ'לעבן, וואָס דאַרף איך די מאַטראַצן, האָב איך געטראַכט, אַז אײַזיק'ס קרעדיט איז גוט. ער דאַרף געלט, גייט ער נאָר אַרײַן אין באַנק, שרײַבט אונטער דעם נאָמען, טראָגט מען אים אַנטקעגן אוצרות מיט געלט. . . .

בקיצור, אין איין שיינעם פֿאַרנאַכט, האָב איך געכאַפּט אַ קוק אױף מײַן אײַזיק'ן, איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן:

— אײַזיק, וויי איז מיר, דו פֿילסט עפּעס ניט גוט, האַ?"

— עס „פֿאַלט" . . . פּאַפּאַ, די „סטאַקס" פֿאַלן . . . און „ריעל עסטייט" פֿאַלט. . . די באַנק האָט זיך צוגעשלאָסן און דאָ רײַסט מען דעם טעלעפֿאָן: דאָס זענען די „בראָקערס" . . . זיי ווילן געלט — מען זאָל צוטראָגן נאָך געלט, אַ מעשה מיט „מאַרדזשין";
און אײַזיק זאָגט מיר:—פּאַפּאַ, גיב מיר נאָר אַ „טשעק" אױף וויפֿיל געלט דו האָסט אין דײַן באַנק אױף עטלאַכע טעג, ביז דער „מאַרקעט" וועט זיך ווידער אויפֿהייבן." . . . וואָס זשע קלערט איר, האָב איך אים דערלאַנגט דאָס „טשעק"־ביכל און אים אַ זאָג געטאָן:—נעם, צי אונטער דעם באַלאַנס, און וויפֿיל דו דאַרפֿסט, נעם דיר." . . .

צוויי טעג שפּעטער, אײַזיק איז גרין און געל. . . .

— וואָס איז שוין ווייטער, אײַזיק?"

— עס פֿאַלט . . . דער „מאַרקעט" פֿאַלט . . . אַלע „סטאַקס" ברעכן צוזאַמען . . . מען דאַרף געלט. פּאַפּאַ, גיי נאָר אַרום צווישן די לאַנדסלײַט, פֿרײַנט, — גיי, און ברענג מיר אַזוי פֿיל געלט

וויפיל דו קענסט נאָר קריגן. פרעג ניט, פּאַפּאַ, רעד ניט, גיי גיכער, און טו וואָס איך זאָג דיר." . . .

און איך בין געגאַנגען, קרעדיט האָב איך נאָך געהאַט . . . און איך האָב געכאַפּט באַ דעם פינף הונדערט, באַ יענעם טויזנט, צוויי טויזנט, און איך האָב אים געבראַכט פרישע פינף טויזנט דאָלאַר פון גמילת חסדים, אַף אַ וואָך, צען טעג, און האָב געמיינט, אַז מיט דעם האָב איך אים שוין געראַטעוועט. . . .

וואָס טויגן אייך מעשיות, אַלע טאָג האָב איך פון אונטער דער ערד געבאָרגט געלט, און אַלע טאָג איז עס איינגעזונקען געוואָרן אַפן „סטאָק מאַרקעט" און אין די הייזער, די „פּלעטס", מיט די „אַפּאַרטמענטס" אין בראָנקס פּאַרק.

דער סוף איז געווען, אַז עס איז ערשט דערנאָך געקומען דער גאָר גרויסער קראַך, און אייזיקס שערס אַפן „סטאָק מאַרקעט" זענען אַפּגעווישט געוואָרן, און האָבן מיטגעשלעפּט די הייזער, מיט די „פּלעטס", מיט די „אַפּאַרטמענטס", און אייזיק איז אוועק אין אַ סאַנאַטאָריום, זיך אָפּרוען. דער דאָקטאָר האָט אים פאַרבאָטן צו בלייבן אין נויאָרק . . . אויב ער וויל לעבן אַף דער וועלט. . . .

* * * *

און איך אַליין?

איך אַליין, בין דאָך ווערט געווען אַף מיין חלק „פּראָפיט" אַ קיילעכדיקן מיליאָן דאָלאַר אין „קעש". . . .

נו, רעדט איר פון אַ קריזיס? איר ווייסט אויך וואָס „דעפּרעשן" איז? וואָס האָט איר פאַרמאָגט, און וואָס האָט איר פאַרלוירן?

אייזיק איז צוריק אַ „שיפּינג קלערק" באַ יענעם; און איך, דאַרף אַף דער עלטער ווידער זיצן באַ דער מאַשין און נייען מאַטראַצן. . .

איי, מיליאָנערן . . . אין דער ערד זאָלן גיין די גליקן, מיט דער גאַנצער „פּראָספּעריטי", וואָס פאַרדרייען אַלעמען די מוחות און מאַכן אומגליקלאַך די וועלט. . . .

וואו איך האָב נאָר ערגעץ אַ שונא, ווינטש איך אים ניט, ער זאָל איבערלעבן דאָס, וואָס עס דאַרף איבערלעבן אַ איד, וואָס האָט זיך פאַר'ן קריזיס גערעכנט צווישן די מיליאָנערן. . . .

אינהאַלט:

ערשטע אָפּטיילונג

צו די לייענער — — — — — — — — — 4
איבער א גלאָז טיי — — — — — — — — 5-10
מיין אָפּשיידם אָוונט — — — — — — — 11-14
באַנקעטן און באַנקעטעלאַך — — — — — — 15-20
בלוטיקע שונאים — — — — — — — — 21-25
מיידלאַך — — — — — — — — 26-31
אין דערפינצטער — — — — — — — — 32-38

צווייטע אָפּטיילונג

אָנשיקעניזשן — — — — — — — — — 39-40
אינקוויזיציע — — — — — — — — — 41-45
צרות פון מיינע ארבעטער — — — — — — 46-49
אין משוגעים הויז — — — — — — — — 50-51
גאָט צו דאַנקען, ער מאכט א לעבן — — — — 52-57
דער אידישיסט — — — — — — — — 58-61
דער אויבער־מענטש — — — — — — — 62-66
א אידישער מעצענאַט — — — — — — — 67-72
איציקל — — — — — — — — — — 73-78
דער קולטור טרעגער — — — — — — — 79-82
געקומען רעטייערן פון אידישקייט — — — — 83-90

דריטע אָפּטיילונג

קריזים — — — — — — — — — — 91-92
דערלעבט נחת — — — — — — — — 93-97
מיר איז גוט, עס איז א קריזים — — — — 98-106
מיליאָנערן — — — — — — — — — 107-114
אינהאַלט — — — — — — — — — — 114-116
אבאָנענטן — — — — — — — — — — 117-118

אַבאָנענטן :

אליהו דוד סטאָון, דייוויד ברעקמאַן, עלדאָר מאַרקסאָן, נ. אוגוסטוס האָלצמאַן, יצחק גליקשטיין, אַדאָלף גליקשטיין, יודזשין גליק־שטיין, פיליפ טאַוב, אוירווינג קינג, רעוו. גאָלדבערג, חיים אליעזר ריטשמאַן, משה ריטשמאַן, אב. ריטשמאַן, י. ניומאַן, דר. קויפמאַן (טשעלסי), רעוו. שולזינגער, דר. לואיס ה. גליקשטיין, דר. סאָניאַ ראַפּאָפּאָרט, ס. אולמאַן, דר. י. רעזניק, מאָרים קאַטצעף, אַהרן מאָלדאו, אָשר מאָלדאו, יוסף מאָלדאו, א. טראַכטענבערג, פרענק ברילִיאַנט, מ. י. פּאַרסאָנס, עליאַם קאַנטאָר, דר. יעקב חאַיעט, רעוו. מ. האַלפּער, רעוו. שאָנפילד, רעוו. ל. קאַנטאָר, ס. א. קליין, מרס. דזש. דענהאָלץ (נואַרק), ס. מייער, אב. שאָקעט

מ. י. ראַבינאָוויץ, ראָבערט סילווערמאַן, דזש. יאָנגמאַן, מרס. ב. סאָלאָגוב, מרס. דזש. בערקאָוויץ, משה בירשטיין, ה. ס. רייווין, י. וו. אפרת, אידאַ קאָהען, דר. מ. י. קאָניקאָוו, ס. מאָנאַסטער, לאָיער וויליאַם גאָרדאָן, ה. ה. לאַנדסמאַן, ס. ראַכליס, ס. ראָטנ־בערג, אַלעק. שאַפּיראָ, מאָרים שאַפּיראָ, אב. שאַפּיראָ, מ. גאָרדאָן, מ. טוביאַש, אַ. קאָרנפילד, מאַקס ליפּנער, א. א. ריידין, דזש. קאָהן, ל. באַרדין, מ. קאָנסטאַנטין (פּראָווידענס), דר. ר. שערענזאָן, דזש. לאָנדאָן, הערים גאָלדמאַן, דייוויד מאָנאָסאָן, דזשוליוס א. קאָהן, לואיס קאָהען (פּיבאָדי)), ה. באַטשערמאַן (פּיבאָדי), יצחק שענק־מאַן, פרענק גראָסמאַן, דייוויד גראָסמאַן, יעקב גרין, דר. דזשאָנאַס קאַגאַן, דר. ה. בלאָק (טשעלסי).

ס. אָסיפּאָוו, אוירווינג דייוויס (לאָורענס), מאַרק מ. האָרבליט, יוסף מילען, סיימאָן רודניק, דזשאָזעף רודניק, דר. נ. מ. פרידמאַן, דר. מ. י. סילווער, דר. מיכאל קראַניץ, ראַבי פרץ האַלפּערן, פּראָפּ. סאָל. בראַסלאַווסקי, דר. ל. דזש. פּאָדער, מאַקס בראָנפילד, רעוו. לאָוויץ, דר. ס. גאָראַלניק, לואיס ה. סטיינבערג, לואיס קאָהן, איזראַעל אַמדורסקי, מ. הירשהאָרן, דר. מאָרים קאַפּלאַן, היימאַן שולמאַן, חיים שבח (קעמברידזש), מאָרים פיינבערג, וויליאַם שוגאַר, ס. דזש. הילסאָן, דייוויד באַבין, ראַבי הערי מ. קאַצין, דזשאָזעף רידער, מרס. א. ראָזנבוים, מאַקס ניגראָש, א. קוביצקי,, בעסי בלום, א. פינשטיין, פרענק קעשמאַן, יעקב גינזבורג, אב. גינזבורג, דייוויד ביטשער (ניוטאָן), מרס. ל. ראַווין (לין, מאַסס.), י. מארוואַ, י. גאָלדפאַרב, דזשאָדזש באַרנעט, סאָל ראָזנבערג (ניו בעדפאָרד), דזשאָזעף גאָלדבערג (וואָוסטער).

מעקס קאַבאַצניק, מ. ס. לענסאָן, מרס. י. י. גאָלדשטיין, מרס. יעטאַ ניומאַן, דר. ה. מאָריסאָן, ס. ביבער, מיכל לעפקאָוויץ, דר. באָרים ראַפּאָפּאָרט, ראובן אָסאָפּסקי, דר. מאָרים קאָהען, מ. העריסאָן, ר. פּ. באָרוכאָוו, עדוואַרד קאָהען (פּאָל ריווער), יעקב קאַראַוואַיעוו, בעני קאַראַוואַיעוו, דזשאָזעף קאַראַוואַיעוו, שאָול אָדעס, שלמה האָראָוויץ, ס. סאָבילאָוו, דזשאָזעף גרין, דזש. קאָרסון, מאָזעס ענטין, בעני האָראָוויץ, ר. ראָזמאַן, א. גאָלדבערג, דאָרא קאָרסון, הערי נולמאַן, סעם דאַשעוו, לואים האָרנשטיין, אידישע פאָלקס שולע (פּאָל ריווער).

מאַקס קאַפּלאַן, ס. דראַפּקין, סאול נורין (פּאָל ריווער), ראובן קאָט־לער (טשעלסי), אברהם בערמאַק (עווערעט), דזשולים פרידמאַן (מאָלדען), הערי סילווערמאַן, דר. ס. פּ. נאָרמאַן, דר. שאַרפּ, עמנואל י. פין, דר. פּאַולאָ, ב. וו. מאַרקוס, ה. ס. לייוויק (באָסטאָן), לואים בעקוויט (עווערעט), דזשאָדזש יעקב קאַפּלאַן, דר. בן ציון ווייס, דר. ב. פרידמאַן, דר. הערמאַן שאָר, ל. ארקין, א. טאָטל (לין), יוסף ראָזענפעלד (פּיבאָדי).

ירוחם פייער (סט. לואים, מאָ.), שלום כץ, י. געווירץ (באָראָ פּאַרק, נ. י.), שמואל אבראַמסאָן (בראָנקס, נ. י.), אהרן דזש. לעווענסאָן (נוארק, נ. דזש.), פּנחס יאַסינאָווסקי (ניו יאָרק), קאָנראַד בערקאָ־וויטץ (רידזשפילד, קאָנ.), דר. לעאָ בלאָם (לאָם אַנגעלעס, קאַל.), דר. מאַקס דאָלניק (שיקאַגאָ), הירשל וואָלאָפּסקי (מאָנטרעאַל), יוסף ראָזענפעלד (לאָם אַנגעלעס), טינאַ גאָלדין (באָסטאָן), סאָניאַ האָראָוויץ, ס. מאַלקיעל, א. אַלפּערט (איש קאָוונאַ), אב. האַמבערג, רעוו. מאַזעוועצקי, רעוו. באַרגאַד, סעמועל בערנשטיין, דזשאָזעף שוגאַרמאַן.